STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06718

RASHI

Menahem G. Glen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנחם ג. גלען

רמ״י — דער פאלקס־נערער

פארלאג „אידיש לעבן״
ניו־יארק, ת״ש

Copyright 1940
By MENAHEM G. GLENN
New York, N. Y.

369

לזכר נשמת אבי זקני
הרב אברהם ב״ר יעקב ממערעטש
שהל״ח ו׳ שבט התרע״ה בהורודנה

אינהאלט:

זייט

א. פּרוזדור — — — — — — — — — — — — — — 7

ב. די פאר־רש״י עפּאָכע — — — — — — — — — — — 13

ג. רש״י דער תלמיד, דער רבי און דער קאָמענטאטאָר
1. זיינע ערשטע יאָרן — — — — — — — — — — 19
2. חומש מיט רש״י — — — — — — — — — — — 23
3. דער „קונטרס״ — — — — — — — — — — — 27

ד. רש״י׳ס ארבעט און השפּעה
1. רש״י׳ס השפּעה ביי אונז, אידן — — — — — — 32
2. רש״י׳ס פּירוש און זיין באציאונג צו דער גוי׳שער וועלט — — — — — — — — — — — 37
3. די השפּעה פון רש״י אויף דער גוי׳שער וועלט — — — 41

א. די תקופה פאר רש״י. — ב. די תקופה פאר דער רעפאָר־מאציע.—ג. די קריסטלאכע רעפאָרמאציע.—ד. מאכט רש״י

ה. רש״י׳ס לעצטע יאָרן
רש״י׳ס משפּחה, די קרייצוגן; זיין פּאָעזיע — — — — — 58

אָנמערקונגען — — — — — — — — — — — — — 62

רשימה פון נעמען, ערטער און ענינים — — — — — — — 73

א. פרוזדור

שטייט מיר פאר די אויגן א באקאנט בילד בעת איך זיץ און שרייב אָט די מאָנאָגראַפיע:

ס'איז א דאָנערשטאָג נאכט מיטן־ווינטער. אויפן טיש אין ענגן, ווארימען חדר א קעראָסין־לעמפּל ווארפט זיין מאַטע ליכט אויף די ווענט און אויף די קרוב צוואַנציג אינגלאך, וועלכע זיצן ארום און וועמעס שאָטנס סילועטירן זיך איבער ווענט און באַלקן. פון דרויסן ווייסן זיך פארשנייטע דעכער און טריט פון פארבייגייער טרעסטשען. און דער רבי מיט די קינדערלאך זינגען מיט א הארציגן ניגון:

„ואני און איך, כאָטש איך בין דיך מטריח מיט מיין קבורה, אָבער מיט דיין מוטער רחל האָב איך ניט אזוי געטאָן. וואָרעןָ? בבואי מפדן ארם, ווען איך האָב געטאָן קומען פון פדן ארם, מתה איז געשטאָרבן, עלי איבער מיר רחל. ווען רחל האָט צוגע'גנב'עט די בילדער האָב איך געזאָגט: „עם אשר תמצא את אלהיך לא יחיה" און איך האָב ניט געוואוסט אז רחל האָט זיי גע'גנב'עט. ווי עס שטייט אין פסוק: „ולא ידע יעקב כי רחל גנבתם". יעקב האָט ניט געוואוסט אז רחל האָט זיי צוגע'גנב'עט. איז אפשר קענסטו מיינען אז עס איז געווען ווייט, קען איך דיר זאָגן בעוד כברת ארץ לבא אפרתה, אז עס איז נאָך געווען אן אקער לאנד לבוא צו קומען אפרתה קיין אפרת. אפשר קענסטו מיינען אז עס איז געווען א רעגן, זאָג איך דיר אז די ערד איז געווען געלעכערט ווי א רעשעטע. אי וועסטו פרעגן פארוואָס האָב איך זי ניט געבראכט צו קבורה אין דער מערת המכפלה, וועל איך דיר זאָגן אז איך האָב עס געטאָן על פי הדיבור. אז נבוזרדן וועט פארטרייבן די אידן אין גלות

אריין און זיי וועלן דורכגיין דורך איר קבר וועט רחל ארויסגיין פון קבר און וועט וויינען און וועט בעטן רחמים אויף אירע קינדער, אזוי ווי אין פסוק שטייט: קול ברמה נשמע, נהי בכי תמרורים, רחל מבכה על בניה. דעמאָלט וועט איר גאָט ענטפערן: מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה כי יש שכר לפעולתך ושבו בנים לגבולם.

צופרידן דער רבי, זיין וואָך ארבעט האָט א פעולה געהאט, אפילו דעם אייזנקרעמערס זונדל, דער גויעץ קען אויך דעם אויס־ריידאכץ. אז ר' כאַצקל דער מלמד נעמט זיך אונטער א קנעלאכץ וועלן די תלמידים קענען. א שווערע וואָך, א שווערע סדרה, שווערע פסוקים און א שווערע אויסריידאכץ. אָבער שבת אין בית־מדרש, ביים פאַרהערן וועלן זיינע תלמידים קענען. גוט איז ר' כאַצקל'ען אויפן הארצן און ער זעצט זיך דערציילן די קינדערלאך מעשה'לאך וועגן רש"י'ן וועמעס אויסריידאכץ זיי דארפן איבער־מאַרגן קענען אויסנווייניג:

„רש"י'ס טאטע, ר' יצחק, איז געווען א איד אַן אָרימאַן, זיך מתפרנס געווען פון מסחר, אָבער ער איז געווען א מסתפק במועט, געווען צופרידן מיט וויפיל גאָט האָט אים צוגעשיקט. איין דאגה האָט ער אָבער געהאט: זיין ווייב איז געווען אַן עקרה — שוין צען יאָר נאָך דער חתונה און קיין קינד ניטאָ . . . איין מאָל האָט ר' יצחק אינגאַנצן ניט געהאט וואָס צו טאָן. אין שטוב איז ניט גע־ווען מזון סעודה אחת, אויף איין מאָל אויך ניט. האָט ר' יצחק דאָך קיינעם ניט מגלה געווען זיין אָרימקייט. ער איז געווען א צדיק און ניט געוואָלט אָנקומען צו קיין בשר ודם. אויב גאָט וויל אים ניט מפרנס זיין, וואָס קענען אים מענטשן געבן. אל תבטחו בנדיבים!

איז ער אוועק צום ברעג ים, וואו עס קומען אָן פון מרחקים אָנגעלאָדענע שיפן: אפשר וועט אים גאָט פאָרט עפעס צושיקן א פאַרדינסט ביים אויסלאָדן די שיפן. אָבער אומזיסט! — — — — גאָט האָט אָפגעטאָן זיין חסד פון אים. גייט ער אזוי ארום טרויע־ריג און פאַרזאָרגט ביים ברעג ים, די כוואַליעס הויבן זיך ארויף

און אראָפּ. און פּלוצים זעט ר' יצחק ווי אויפן גרעלן זאמד וואָס איז פון די כוואַליעס געוואַשן געוואָרן, פּינקלט עפּעס און גלאַנצט. ער לויפט צו, און זע א וואונדער! א דיאמאנט-שטיין גרוים ווי א נוס ליגט און שיינט אין דער זון ווי א ליכטיגער שטערן . . . ער האָט דעם שטיין אויפגעהויבן און געבראַכט צו זיין ווייב, וועלכע האָט באַלד געזען און פאַרשטאַנען, אז דער שטיין איז ווערט א שלל מיט גאָלד.

דער שטיין איז געווען באמת אן אוצר. אָבער גאָט האָט ר' יצחק'ן נאָר געוואָלט שטעלן פאַר א נסיון, און ער איז דעם נסיון ביי־געשטאַנען. שוין ניט געווען אין שטוב וואָס צו פאַרקויפן. אלץ פאַרקויפט אָבער ניט דעם דימאנטשטיין, ווייל ער האָט מורא געהאט מען וועט אים נוצן לדבר עבירה, חלילה. ויהי און ער איז געווען, ווען די קאַטוילישע גלחים האָבן געמאַכט א „שוועגטיע מאַריע" שקץ תשקצנו . . . און עס האָט געפעלט נאָר איין שטיין צו אריינ־שטעלן ביי איר אין אויג, און זיי זיינען אויסגעווען א וועלט און ניט געקענט צופאַסן אזא שטיין, האָבן זיי זיך דערוואוסט אז ביי ר' יצחק'ן אין ווירמישא געפינט זיך אזא דימאנט שטיין. זיינען די כמרים געקומען צו אים און מיט גוטן און מיט בייזן צוגערעדט אים ער זאָל זיי פאַרקויפן דעם שטיין. ויהי כדברם אליו יום יום ולא שמע אליהם, זיי האָבן געזען אז זיי וועלן גאָר ניט אויספירן מיט ר' יצחק'ן, האָבן זיי אים איבער גוואַלד גענומען און אריינ־געשלעפּט אין א שיף וואָס פאָרט קיין רוים. אויפן וועג האָבן די כמרים געהאַלטן אין איין איינ'טענה'ען מיט ר' יצחק ער זאָל מיט גוטן אָפּגעבן זיי דעם שטיין און זיי וועלן אים געבן וויפיל גאָלד און זילבער ער וויל אליין. אָבער ר' יצחק האָט ניט געוואָלט הערן. זיי האָבן אים גענומען סטראַשען אז זיי וועלן אים אין ים אריינ־וואַרפן. האָט ר' יצחק מורא געהאַט טאָמער ציען זיי אים אַרויס א טויטן פון ים און געפינען דעם דימאנטשטיין וואָס ער האָט פאַר־באָרגען מיט זיך. ער האָט געכאַפּט דעם דימאַנטשטיין און אים אריינגעוואָרפן אין ים אריין. באַלד איז געקומען א וואַל־פיש און דעם שטיין איינגעשלונגען און פאַרשוואונדן. און די גלחים שטייען און וואונדערן זיך. און א בת־קול האָט זיך דערהערט און אויס־

גערופען: זיי וויסן ר׳ יצחק, דיין ווייב וועט דיר געבוירן א זון וואָס וועט באַלייכטן ווי א דימאַנטשטיין אַלע אידן מיט זיין תורה און חכמה . .

„ר׳ יצחק איז געקומען אהיים" — דערציילט ווייטער דער רבי — „און געפונען אז גאָט האָט פוקד געווען זיין ווייב, און אז אין עטלאַכע חדשים שפּעטער וועט זי געבוירן א קינד, האָט ער געגלויבט אין בת־קול, און גענומען אָפּהיטן זיין ווייב. איינמאָל איז זי געגאַנגען אין זייער א שמאָלע געסעלע און פלוצים זיינען צוויי קאַרעטן אָנגעקומען איינע געגנאיבער דער צווייטער, און אָט אָט ווערט ר׳ יצחק׳ס ווייב צעטראָטן צווישן די רעדער פון די קאַ־רעטעס, און דאָ איז ניטאָ אפילו אוואו זיך א קער צו טאָן ניט רעכטס ניט לינקס. אָבער דאָ האָט איין וואַנט זיך אָפּגערוקט און געמאַכט א רוח פאַר די קאַרעטעס דורכצופאָרן און פאַר ר׳ יצחק׳ס ווייב דורכצוגיין . . אַלע וואָס האָבן דאָס צוגעזען האָבן באַשלאָסן אז ר׳ יצחק און זיין ווייב זיינען כשוּף מאַכער און מען מוז זיי פאַרטיליגן. דעמאָלט האָבן זיי פאַרלאָזן ווירמישא און געקומען אין טראָיעש".

און אז אונזער רבי פלעגט נעמען דערציילן מעשה׳לאך פלעגט ער שוין פאַרגעסן קוקן אויפן זייגער וואָס האָט הייזעריג אויסגעשלאָגן די שעה׳ן. עטלאַכע מאַמעס זיינען שוין געקומען אָפּנעמען זייערע קינדער, אָבער דער רבי האָט נאָך דערציילט און די קינדער זיינען פאַרגאַפּט געזעסן:

„די גויים האָבן זיך דעמאָלט אויפגענומען צו גיין אין אונזער ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך איינגעשמועסט אז זיי מוזן היטן דעם יוזל׳ס קבר. האָט זיך געגאָסן אידיש בלוט ווי וואַסער, שטעט און דערפער זיינען אוועק בחרב ובאש: עס איז געווען אין דער צייט פון גזרת תתנ״ו. איינער פון זייערע פירער, וועמען זיי האָבן גערופן גאָטפריד, ימח שמו, האָט דערהערט ביי זיך אין דער היים פון דער גרויסקייט פון אונזער רש״י, האָט ער געוואָלט קומען צו אים און גוזר זיין אויף אים ער זאָל אים נביאות זאָגן וועגן זיין סוף אין דער מל־

חמה אין וועלכער ער גייט איצט. איז דער גאָטפריד אָנגעקומען מיט זיינע חיילות אין טראיעש און געשיקט א באפעל צו רש״י׳ן ער זאָל קומען צו אים. האָט רש״י ניט געפאָלגט דעם פארזאָג פון דעם גאָטפריד. האָט געגומען גאָטפריד מיט זיינע חיילות און איז אליין אוועק צו רש״י׳ן מיט אים זיך אָפּרעכענען. ווען די חיילות זיינען אריין אין קלויז פון רש״י זעען זיי, והנה און נון די טירן זיינען אָפן, די סטענדערס פול מיט הייליגע ספרים, אָבער מען זעט קיינעם ניט אָן. הויבט אָן גאָטפריד צו שרייען: שלמה, וואו ביסטו? . . פּלוצים הערט זיך רש״י׳ס קול ווי ער לערנט אָבער זיין פּנים זעט מען ניט. איז דעם ריטער באפאלן א פּחד און ער איז אוועק אין בית־המדרש. אויפן וועג האָט ער אָנגעטראָפן רש״י׳ס א תלמיד און אים באפוילן אז ער זאָל אָנזאָגן זיין רבי׳ן אז מען וועט ניט מינערן א האָר פון זיין קאָפּ, ער וויל נאָר קומען ביי אים אויסהערן די נביאות.

דער ריטער איז ווידער אמאָל געקומען אין רש״י׳ס קלויז און רש״י האָט אים נביאות געזאָגט: „דו וועסט מנצח זיין ירושלים, זיין דאָרטן א מלך דריי טעג, אויפן פערטן טאָג וועלן דיר די בני־ישמעאל פארטרייבן און דו וועסט אנטלויפן בחרפה ובבוז און קומען צוריק אהערצו מיט דריי פערד.

איז דער ריטער, גאָטפריד, געוואָרן מלא חמה, ער וואָלט רש״י׳ן פארטיליגט ווען ניט זיין שבועה און הבטחה וואָס ער האָט געגעבן. אָבער בחרי אף האָט ער געזאָגט צו רש״י: אויב איך וועל צוריקקומען מיט פיר פערד וועל איך דיר דעם קאָפּ אָפּשניידן און פארטיליגן אלע אידן פון צרפת.

און רש״י׳ס ווערטער זיינען טאקע מקויים געוואָרן. א חוץ נאָר וואָס גאָטפריד איז דווקא צוריק געקומען מיט נאָך דריי רייטער — צוזאמען פיר פערד . . האָט זיך גאָטפריד געאיילט צו קומען אין טראיעש מקיים זיין זיין שרעקלאכע הבטחה. איז ווי זיי האָבן זיך דערנענטערט צום שער העיר, איז א גרויסער שטיין אראָפּגעפאלן און דער׳הרג׳עט איין סוס ורוכבו. און אזוי ארום איז רש״י׳ס נבואה אין גאנצען מקויים געוואָרן. דער ריטער האָט געוואָלט גיין צו רש״י׳ן

אויסדריקן זיין כבוד צו אים און חוזר למוטב זיין. אָבער דעמאָלט האָט ער זיך דערוואוסט אַז רש"י איז שוין נפטר געוואָרן . . .

רש"י'ס האַרץ איז צעבראָכן געוואָרן אויפן חורבן פון די אידן אין אשכנז און צרפת און ער האָט דאָס אויסגעדריקט אין זיין פשוט'ן שטילן פזמון:

תנות צרות לא נוכל
שבר בכל יום ואנחה . .
— — — — — — —
בני נכר משלו בנו . .
אמרנו נגזרנו אבדנו . .

זייט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן קענען מיר גאָר ניט אויסדערציילן די צרות, יעדן טאָג א בראָך און א זיפץ . . פרעמדע שלט'עווען איבער אונז . . מיר רעכענען אַז מיר זיינען פארשניטן, פארלאָרן . . . 1)

ב. די פאַר-רש"י-עפּאָכע

דער אידישער גורל איז שוין געווען צונויפגעבונדן מיטן גורל פון די איראָפּייאישע פעלקער לאַנג לאַנג נאָך פאַרן צווייטן חורבן. אין דער צייט פון בית־שני, ווען אונזער פאָלק האָט נאָך געלעבט ווי א מלוכה, אַ טעאָקראַטיע, כאָטש אונטערגעוואָרפן אונטערן יאָך פון פרעמדע אימפּעריעס, האָבן שוין פיל אידן געוואוינט אין גלות. אידן זיינען שוין געקומען אין גאַליע — שפּעטערדיגע פראַנקרייך — און אין שפּאַניע, און ווי מאַנכע ווילן האָבן אויך אין דייטשלאַנד מיט די רוימישע ארמייען נאָך אין דעם ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסט־לאַכער צייט־רעכענונג. בערך יענעם יאָרהונדערט האָט שוין אַ גאָר גרויסער טייל פון אידן געוואוינט אין חוץ לארץ. נאָכן חורבן בית-המקדש אין יאָר 70, און ספּעציעל נאָכן בר־כוכבא אויפשטאַנד אין יאָר 135 איז די צאָל אידן פון ארץ ישראל זייער שטאַרק רעדוצירט געוואָרן, כאָטש ירושלים ווי אַ אידנטום־צענטער האָט נאָך עקזיס־טירט ביזן פינפטן יאָרהונדערט. דעמאָלט האָט זיך געשאפן דער נייער אידישער צענטער אין בבל, וועמעס גייסטיגע און רעליגיעזע השפּעה האָט געווירקט אויפן גאַנצן אייראָפּייאישן אידנטום פאַר א משך פון עטלאַכע יאָרהונדערטער.

פון די ביידע צענטערס (כאָטש נאָמינאַל איז דער פון ארץ־ישראל געווען דער שטאַרקער, ווייל דער אָפיציעלער), איז דער פון בבל געווען דער ווירקזאַמסטער, דער איינפלוסרייכסטער. דורך דער לאַנגער תקופה פון די גאונים (589-1038). 2)

ווען רב האי גאון איז געשטאָרבן 3), האָט בבל נעהאט איר השפּעה איבער אלע גלות צענטערס. פון דאָרטן האָבן אלע געשעפּט די יניקה. די באַבילאָנישע גאונים אין די תורה צענטערס פון סורא

און פומבדיתא, זיינען געווען די אויטאָריטעטן בנוגע אַלץ אין אידי־שען לעבן—וואו נאָר די רעגירונגען האָבן דערלויבט אַ זעלבסט־שטענדיג־רעליגיעזע אויטאָנאָמיע. לויט אַ לעגענדאַרישער טראַדי־ציע האָט דער גאון ר׳ נטרונאי דער צווייטער (גאונ׳אַט: 869-859) געפירט שאלות ותשובות מיט די אידישע צענטערס אין פראנקרייך און דייטשלאַנד. דאָס ווייזט אַז די אויטאָריטעט פון די גאונים פון בבל האָט שוין געווירקט אויף די פראַנצויזיש־דייטשע אידן פון יענער צייט. נאָך אַ טראַדיציע וויל האָבן, אַז דער בארימטער גיים־טיגער ריז, וועמען מען האָט גערופן „מאור הגולה" — דאָס ליכט פון גלות", רבנו גרשם בן יהודה, אַ געבאָרענער פון פראַנקרייך, גרינדער פון דער גרויסער ישיבה אין מאַגענצאַ (מאינץ, דייטש־לאַנד), דער מחבר פון פיל וויכטיגע תקנות אין אידישן לעבן וואָס גילטן נאָך היינט (ווי אַ שטייגער די תקנה ניט צו נעמען מער ווי איין ווייב, און ניט טאָרן לייענען אַ פרעמדן בריוו. צוליב בחדר"ג — בחרם דרבינו גרשם) — אָט דער גרויסער רבנו גרשם מאור הגולה זאָל האָבן געלערנט אין דער ישיבה פון פומבדיתא אונטער דער פירערשאַפט פון ר׳ האי גאון.

כאָטש די באַבילאָנישע ישיבות האָבן, אָן שום צווייפל, געהאַט זייער אַ גרויסע השפעה אויפן שטייגער לערנען פון תורה אין די פראַנצויזישע און דייטשישע אידישע ישיבות, האָבן אויך די ארץ־ישראל׳דיגע תורה צענטערס געהאַט זייער באַשטימטע ווירקונג. פון ארץ־ישראל איז געקומען די פאַרטיפונג אין אגדה און מדרש. אין די ישיבות פון צענטראַל אייראָפּע איז געווען אַ מין קאָמבינירונג פון דער הלכה, ווי פאַרפולקאָמט אין בבל, און פון דער אגדה און מדרש, ווי עס איז פאַרברייטערט, פאַרצווייגט און פאַרטיפט געוואָרן אין די תורה צענטערס פון ארץ־ישראל.

ווען דאָס אידנטום אין שפּאַניע האָט אַרויסגעגעבן גייסטיגע ריזן אויפן פעלד פון אידישע פילאָזאָפיע, אַלגעמיינע ווּיסנשאַפט, מעדיצין, העברייאישע פּאָעזיע, וועלכע האָט געהאַט איר גלאַנץ־פּע־ריאָדע אין אַ דור פאַר רש"י׳ן, איז דאָס גייסטיגע לעבן אין צענטראַל אייראָפּע באמת געווען אָרעם אין פאַרגלייך מיטן שפּאַנישן צענטער.

די סיבה איז געווען ניט ווייט צו זוכן: די הערשנדיגע רעליגיע, די קאַטוילישע אליין, איז געווען שרעקלאַך קאָרופּטירט דורך אירע גייסטיגע פירער. גענוג דאָ צו דערמאָנען אז דער באַרימטער הילדעבראַנד, וועלכער איז שפּעטער געקרוינט געוואָרן ווי פּאַפּסט גרעגאָר דער זיבעטער, האָט געפירט דאָס גאַנצע קאַטוילישע רעליגיעזע לעבן פאַרן נאָז. ער האָט געמאַכט פּאַפּסטן און זיי אראָפּגעזעצט, און אליין זיך ארויפגעזעצט אויפן שטול פון הייליגן פּעטער (זיין פּאַפּסטום 1073־1085). אָט דער גרעגאָר, וועמען די מחנפים זיינע רופן „דער גרעסטער מאַן פון זיין צייט, איינער פון די גרעסטע פון אלע צייטן!" 4). מיט דעם נאָמען הילדעבראַנד, אָדער הילדעבראַנדינער ווערן באַצייכנט די אלע וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דער אויבערהערשאַפט פון דער קירך איבערן שטאַט. איבער יענער עפּאָכע שרייבט אַן אמת'ער כראָניקער אָט אזוי: „קיינער האָט ניט געקענט ווערן א בישאָף אָדער אַן אַבאַט, אין דער גאַנצער אימפּעריע (דייטשלאַנד) סיידן ער איז געווען אָדער א רייכער מענטש אָדער אַן אויסוואורף . . . צווישן די גלחים איז געווען דער שטייגער צו דערציילן נסים ונפלאות און צו רימען אָט די יעניגע וועלכע האָבן געהאַט די מיינסטע קעפּסווייבער, געפירט א שיינעם, פעטן טיש, און זיך געקליידט רייך". 5).

איז אמת, אין פאַרגלייך מיטן אידישן לעבן אין שפּאַניע איז דאָס פראַנצויזיש־דייטשיש אידנטום געווען אָרעם, אָבער אין פאַרגלייך מיטן ארומיגן גוי'ישן לעבן זיינען די אידן געווען פּרינצן פון גייסט. זייערע גייסטיגע פירער האָבן אפילו ניט גענומען קיין שכירות פאַר זייער רבנות אָדער מלמדות. די רבנים און מלמדים האָבן בוכשטעבלאַך אָפּגעהיט דעם פאַרזאָג פון ר' צדוק: „ואל תעשה עטרה להתגדל בה, ולא קרדום לחפר בה". 6) מען זאָל פון דער תורה ניט מאַכן א קרוין זיך צו גרויסן מיט איר אָדער א האַק אויסצוהאַקן דאָס טעגלאַך שטיקל ברויט. אָט דער עטישער פּרינציפּ איז אָפּגעהיט געוואָרן אין אלע לענדער, אונטער דער הערשאַפט פון דער האַלבער לבנה אזוי גוט ווי אונטערן צלם. רבנות איז געגעבן געוואָרן צום גרעסטן למדן, צום גרעסטן בעל מדות. דער

רב האָט געדאַרפט דינען ווי א ביישפּיל מיט זיין פירונג, מיט זיין דרך. ער האָט געדאַרפט זיין א מסתפּק במועט, פיינט האָבן לוקסוס, זיין א מענטש פון פאָלק, אן אַרבעטער. נאָר אזא מענטש האָט זיך געקענט דערדינען צום אמט פון ניט־באַצאָלטער רבנות.

דער עקאָנאָמישער מצב פון די אידן אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד ארום דער תקופה פאַר רש"י, איז געווען א צימלאך גוטע. אין יענעם געגנט ארום לאָטערינגען, שאמפּאַניע, אין ריינלאַנד האָבן זיך אידן באשעפטיגט אין אלע צווייגן פון עקאָנאָמישן לעבן: זיי האָבן פאַרמאָגט וויין־גערטנער און פעלדער, וואו ניט זעלטן פלעגן זיי זיך באַנוצן מיט קריסטלאַכע אַרבעטער. א סך האָבן זיך באשעפטיגט מיט פיי־צוכט און אַנדערע מיט מסחר. פיל זיינען געוואָרן גאַנץ רייך. די גוי'ישע שכנים האָבן מיט זיי גוט געלעבט, אויף ימים טובים פלעגן זיי זיי ברענגען מתנות, און זיי פלעגן געבן מתנות צו זייערע קריסטלאכע פריינט. עס האָט ניט געהאָלפן וואָס קליינקעפּיגע און ענג־האַרציגע בישאָפס און גלחים האָבן געהאַלטן דרשות געגן אידן און אידנטום. אידן און קריסטן האָבן געלעבט אין האַרמאָניע. דאָס האָט געהאט א דירעקטע השפּעה אויפן קולטורעלן מצב פון די אידן. 7)

געפינען מיר שוין תורה צענטערס אין פראַנקרייך־דייטשלאַנד אין צענטן און עלפטן יאָרהונדערט. דער גרעסטער פון אָט די צענטערס איז געווען די ישיבה פון מאַינץ (אין רבנ'ישער ליטעראַטור — מאגענצא) געגרינדעט און אָנגעפירט פון דעם אויבנדערמאָנטן רבנו גרשם בן יהודה (דער „מאור הגולה") וועלכער האָט זיין תורה באַקומען פון רבנו יהודה בן מאיר הכהן, באַקענט ווי רבנו לעאָנטין 8) רבנו גרשם האָט פאַרלאָזן זיין געבורטס־לאַנד פראַנקרייך (ער איז געבאָרן אין מעטץ — פראַנקרייך) און זיך באַזעצט אין מאַינץ, וואו, ווי געזאָגט, ער האָט געגרינדעט די גרויסע ישיבה. זיינע אַרויסהעלפער זיינען געווען די אזוי גערופענע „חכמי לותיר" — די תלמידי חכמים פון לאָטערינגען: זיין אייגענער ברודער רבי מכיר בן יהודה, רבנו יוסף בן שמואל בונפילס („טוב עלם"), רב פון די

קהילות לימוזין און אנזשו, באקענט ווי א פייטן און זאמלער פון „סדר תנאים ואמוראים", „הלכות דרב יהודאי גאון", „שאלות גאונים קדמונים. 9) א חוץ זיי זיינען באוואוסט רבנו גרשם'ס תלמידים וועלכע האָבן פאָרגעזעצט זיין ארבעט אין זיין דרך הלימוד און האָבן געהאט א דירעקטע השפעה אויף רש"י'ן: רבי שמעון בן יצחק (גערופן „הגדול" אָדער „הזקן" — רש"י'ס אָנקל, זיין מאַמעס ברודער), רבנו יעקב בן יקר — רש"י'ס רבי; ר' יצחק בן יהודה — רב פון מאַינץ, אפריער פון וואָרמס — (אין רבנישער ליטעראַטור וויר‏מיישא), רבנו יצחק בן אלעזר הלוי (דער „סגן לויה", אָדער ווי רש"י רופט אים סתם, „הלוי" פון וואָרמס. 10)

אָט די „חכמי לותיר" האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויף רש"י'ס שאפן. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעגעבן נאָר מיטן מפרש זיין דעם תלמוד, וואָס איז אויך געווען ניט קיין גרינגע שטיקל ארבעט, ווייל די אייראָפּייאישע אידן האָבן גערעדט גאַנץ אנדערע שפּראַכן ווי די אין וועלכער דער תלמוד בבלי איז געשריבן געוואָרן, א חוץ דעם וואָס זיי האָבן געהאט פאר זיך פארשידענע נוסחאות פון תלמוד, און עס האָט זיי אפילו אויסגעפעלט מסכתות; 11) די „חכמי לותיר" האָבן זיך אויך גענומען צום פירוש התנ"ך. זיי האָבן געזוכט פארשטענדלאך צו מאַכן דעם תנ"ך צווישן די אידישע מאסן. די ארבעט האָבן געטאָן צוויי ברידער רבי מנחם בן חלבו און רבי שמעון בן חלבו קרא. דער ערשטער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן פארטייטשן די פסוקים פון תנ"ך אויפן פשוט'ן אופן, און ער האָט געשריבן חיבורים אויפן גאַנצן תנ"ך, כאָטש צו אונז האָבן נאָר דערגרייכט שטיקלאך און ברעקלאך פון יענעם פירוש; דער צווייטער, רבי שמעון, האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט דרוש, אזוי ווי די ארץ־ישראל'דיגע דרשנים אמאָל. פון דעם רבי שמעון קרא האָבן מיר יע זיין ליטעראַרישע ירושה — דעם „ילקוט שמעוני", דער זייער פּאָפּולערער פאָלקס־בוך — א זאמלונג פון מדרשים און אגדות פון תלמוד אויף גאַנץ תנ"ך. אויך איז באַקאַנט נאָך א דרשן, וועמען רש"י ציטירט אָפט: משה הדרשן. 12)

אמת, אין פאַרגלייך מיט די אויפטואונגען פון דעם שפּאַנישן אידנטום זעט אויס דאָס פראַנצויזיש-דייטשיש אידנטום בלאַס, אָבער דערפאַר זיינען די לעצטע געווען פּשוט'ער, איינפאַכער, תמימות'דיגער, פאָלקסטימלאַכער, (וואָס מען רופט היינט עמך'דיג). אין זייערע פּיוטים ווי אויך אין זייערע שאַפונגען אין זייערע שאלות ותשובות ווי אין זייערע פּירושים — פון אַלץ הויכט מיט פאָלקישקייט, מיט פּשטות, מיט יראת-שמים. זיי זיינען געווען אַזוי פאַרפרומט אַז מאַנכע פון זיי פלעגן פאַסטן יום כפּור צוויי טעג, צוליב דעם טעם פון „ספיקא דיומא". 13)

אָבער אין פאַרגלייך מיט זייערע גוי'ישע שכנים איבער וועמען עס האָט געהערשט די פינסטערניש פון דער מיטלאַלטער נאַכט, זיינען די דייטשישע אידן געשטאַנען קולטורעל אויף א גאָר הויכער מדרגה. לכל הפּחות מיינסטנס פון זיי האָבן געקענט לייענען און שרייבן — א זאַך וואָס ניט אפילו די אדעליגע האָבן געקענט, שוין אָפּגערעדט פון די גייסטלאַכע וואָס זיינען געווען ווירטע עמי הארצים. אין דער שטאָט טרוא (טרויאש — טראַיעש) וואו רש"י איז געבאָרן געוואָרן אין 1040 איז געווען דער עקאָנאָמישער צענטער פון פראַנקרייך. די הויפּט אינדוסטריע דאָרטן איז געווען לעדער. דאָס האָט אָן ספק געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן ליטעראַרישע טעטיגקייט, ווייל מען האָט לייכט געקענט קריגן פאַרמעט צום שרייבן. דאָרט אין טרוא פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן צוויי יערלאַכע ירידן — א וויכטיגע געשעעניש אין אידישן לעבן, ווייל דאָס פלעגט געבן א מעגלאַכקייט אידישע רבנים און פּרנסים זיך צונויפקומען. 14)

אין אַזאַ סביבה און אַזאַ תקופה איז געבאָרן געוואָרן שלמה בן יצחק — אונזער רש"י.

ג. רש"י — דער תלמיד, דער רבי און דער קאָמענטאַטאָר

1. זיינע ערשטע יאָרן

גענוי ווען רש"ים געבורטסטאָג איז געפאַלן ווייסט מען ניט. ביי אונז אידן האָט מען פאַרצייכנט דעם טאָג פון טויט, ניט דעם טאָג פון געבוירן. ווי עס שטייט געשריבן: „א גוטער נאָמען איז בעסער פון גוטן אייל, און דער טאָג פון טויט פון דעם טאָג וואָס מען ווערט געבאָרען" 15). די שטאָט פון רש"ים געבורט ווערט געוויינלאך אָנגעגעבן ווי אויבנגעזאָגט, טרואַ (טראַיעש), הויפּט־שטאָט פון פּראָווינץ שאַמפּאַניע, אין צפון־מזרח פון פראַנקרייך, אָבער נאָך אַנדערע שטעט האָבן צוגעשריבן צו זיך דעם זכות: וואָרמס און לונעל — שטעט פון תורה אין רש"ים צייטן האָבן זיך מתיחס געווען מיט זיין געבורט. דאָס יאָר פון רש"ים געבורט איז געווען באַצייכנט אין אונזער קאַלענדאַר מיט צוויי ת'ן און ביי קריסטן — 1040. ביי אונז האָט זיך געענדיגט אַ יאָרהונדערט, לויט אונזער רעכענונג אַכט הונדערט יאָר, און ביי זיי איז דאָס געווען קרוב אַ העלפט פון עלפטן יאָרהונדערט.

געבאָרן איז געוואָרן שלמה בן יצחק — אָדער ווי מען האָט אים שפּעטער גערופן, רש"י, לויט די ראשי תיבות פון ר' שלמה יצחקי אין אַ פאַמיליע פון לומדים. זיין מאַמעס ברודער איז געווען ר' שמעון הזקן, אַ תלמיד פון ר' גרשום מאור הגולה, און זיין טאַטע, ר' יצחק, איז אויך געווען אַ בן־תורה. שפּעטער, דערמאָנט רש"י אין זיין פּירוש אויף עבודה זרה, דף ע"ה עמוד א' זיין פאָטער מיט אָט די ווערטער: „לשון אבא מורי מנוחתו כבוד והוא נראה בעיני" — „מיין טאַטע, ערע זיין רו, פאַרטייטשט עס אַזוי, און עס געפעלט מיר". עס איז אויך פאַראַן אַ סברא אַז דער ר' יצחק מיט וועמעס נאָמען רש"י

הויבט אָן זיין פירוש אויף דער תורה, איז אויך געמיינט זיין פאָ־טער. 16)

מען קען אָבער מיט רעכט זאָגן אז זיין פאָטער, ר׳ יצחק און זיין פעטער ר׳ שמעון, זיינען געווען זיינע ערשטע דערציער. פון זיי האָט ער באַקומען זיינע עלעמענטאַרע ידיעות אין תורה און אין עבודה. און עבודה ווערט דאָ געמיינט אין דיביידע טייטשן פונם וואָרט, גאָטס־דינסט, און אַרבעט. שלמה בן יצחק, פונקט ווי אַלע אידן אין זיין צייט האָט געוויס געלערנט א מלאכה. ווייל תורה אָן מלאכה קען ניט האָבן קיין קיום, 17) אזוי האָבן זיי געהאַלטן. און אין טרויא איז געווען וואָס צו טאָן. אויך האָט דער יונגער שלמה געקראָגן זיין „וועלטלאַכע״ דערציאונג אין זיין שטאָט, טרויא. צו די ירידן וואָס פלעגן דאָרטן פאָרקומען, פלעגן קומען מענטשן פון פארשיידענע לענ־דער. א סך וויסן האָט דער פייאיגער שלמה אָנגעזאַמלט אָט דורך די דורכפאָרער. ער האָט געלערנט שפראַכן און מנהגים, וועלטלאַכ־קייט און ידיעות פון די פרעמדע מענטשן וואָס זיינען אין זיין שטאָט געקומען. קיין וואונדער ניט, וואָס די לעגענדע האָט אין איר פאַנטא־זיע געזען רש״י׳ן ווי א מאן וואָס איז אויסגעפאָרן א וועלט.

רש״י אליין שרייבט אז די הויפט-געשיכטע פון ערלאַכע מענטשן איז — זייערע גוטע מעשים, ווען ער פאַרטייטש דעם פסוק: „אלה תולדת נח״. 18) ביז זיין אכצענטן יאָר האָט ער גאַנץ געוויס גע־לערנט תורה, געטאָן מעשים טובים, זיך געלערנט א מלאכה — וויין מאַכן. און צו זיין אכצענטן יאָר, לויטן מנהג וואָס ווערט געבראַכט אין פרקי אבות 19) האָט ער חתונה געהאַט. נאָך דער חתונה אָבער, ווי עס איז געווען דער שטייגער פון תלמידי חכמים נאָך אין די צייטן פון ר׳ עקיבא — פאַרלאָזט ער זיין יונגע פרוי, זיין היים, זיין לאַנד און פאָרט אין דער פרעמד צו לערנען תורה, צו זיין א פרוש און קומען א היים נאָר אויף א יום טוב. אפריער פאָרט ער נאָך וואָרמס 20) וואו דער ראש ישיבה איז ר׳ יעקב בן יקר, א תלמיד פון ר׳ גרשום מאור הגולה. רש״י דערמאָנט אים אַפט אונטערן נאָ־מען „מורי הזקן״ — מיין אַלטער רבי. פון אים האָט ער געלערנט ניט נאָר זיין תורה, נאָר אויך זיינע גוטע מידות. אז ר׳ יעקב בן יקר

איז נפטר געוואָרן האָט זיין שטעל פאַרנומען נאָך א תּלמיד פון ר' גרשום, ר' יצחק הלוי (סגן לויה), וועמען רש"י רופט „רבי הלוי" און פון אים לערנט ער אויך. אָבער כדי צו לערנען תורה דאַרף מען וואַנדערן פון פּלאַץ צו פּלאַץ. "הוה גולה למקום תורה" 21) האָבן חז"ל געזאָגט: מען מוז וואַנדערן צו א פּלאַץ פון תורה. רש"י'ן האָט געצויגן און געלאָקט די שטאָט מאַגענצא (מאַינץ), דאָרט וואו, כאָטש ר' גרשום איז שוין ניט געווען צווישן די לעבעדיגע, הערשט נאָך זיין גייסט, ווייל דאָרטן איז ראש ישיבה ר' יצחק בן יהודא, א תּלמיד פון ר' אליעזר הגדול, וועלכער איז געווען ר' גרשום'ס א תּלמיד. אָט דער ר' אליעזר האָט פאַרגעזעצט ר' גרשום'ס שיטה אין לערנען אין ר' גרשום'ס ישיבה. פון מאַינץ פאָרט ער קיין שפּייער (אשפּירא) און לערנט פון ר' אליקים. ער פאָרט אין די אַלע פּלעצער פון תורה וואו ער מאכט אָנמערקונגען, פאַרצייכענונגען, פאַרגלייכונ־גען פון פאַרשיידענע נוסחאות פון תּלמוד, און נאָכדעם ווי ער זאַמלט אָן א סך פּירושים און קונטרסים, 22) פאָרט ער אהיים, אין טרויא.23)

רש"י איז אַלט געוואָרן פינף און צוואַנציג יאָר ווען ער קומט אהיים צו פאַרבלייבן. ער גרינדעט א ישיבה, וואו עס קאָנצענטרירן זיך באַלד פילע תּלמידים פון נאָענט און ווייט. האָבנדיג געלערנט אין א סך תורה־צענטערס, און האָבנדיג גוט רעווידירט די פאַרשיי־דענע נוסחאות פון תּלמוד, נעמט זיך רש"י קודם כּל ארויסצוואַרפן די פילע גרייזן וואָס זיינען אריינגעפאַלן אין תּלמוד דורך ניט קאָמ־פּעטענטע קאָפּירער. נאָכדעם נעמט ער זיך צו פאַרטייטשן, צו מסביר זיין די שווערע אומפאַרשטענדלאַכע שטעלן אין תּלמוד אין א לייכטע, פאַרשטענדלאַכע שפּראַך, אזוי אז ווער עס קען נאָר די העברייאישע שפּראַך — און געקענט האָבן זי פיל, כאָטש ניט אַלע האָבן אויף איר שוין ניט גערעדט — זאָל פאַרשטיין דעם תּלמוד.

רש"י האָט אָבער ניט ארויסגעגעבן זיין פּירוש באַלד ווי ער האָט אים אויפגעשריבן. ער האָט זיך נאָך ניט געטרויט, כאָטש ער איז באַלד באַרימט געוואָרן מיט זיינע קונטרסים. ער, דער עניו וואָס ער איז געווען, האָט ניט געוואָגט אריינצוברענגען זיינע תיקונים אין טעקסט, דאָס האָבן זיינע תּלמידים שפּעטער געטאָן. ער האָט אָבער

דריי מאָל רעווידירט זיינע פּירושים ביז ער האָט זיך איבערצייגט אז ער האָט ארויסגעגעבן א כלי מתוקן. (און דאָך פעלן פּירושי רש"י אויף א סך פּלעצער אין תלמוד, וועלכע זיינען דערגאַנצט געוואָרן ביי זיינע תלמידים ווי מירן זען שפּעטער).

דאָס קומט ווידער די לעגענדע און וועבט ארום רש"י, אָט וואָס: אז רבי שלמה יצחקי איז אלט געוואָרן דריי און דרייסיג יאָר האָט ער ווידער אמאָל פארלאָזן זיין שטאָט, זיין היים, זיין ישיבה מיט זיינע פילע תלמידים און האָט אָנגעהויבן צו זיין א נע ונד'ניק אין פילע לענדער און שטעט. ער האָט געוואָלט זען אפשר האָט אימיצער אנ־דערש געשריבן א בעסערן פּירוש פאר אים, און זאָל ער אזא פּירוש געפינען, וועט ער זיינע קונטרסים פארניכטן. אויך וויל די לעגענדע האָבן, אז רש"י האָט געוואָלט באקומען א כפּרה פאר דעם וואָס זיין טאַטע האָט געמוזט אוועקוואַרפן דעם דימענטשטיין און ווערן א קבצן צוליב אים . . . די אגדה קען אונז נאָר ווייזן ווי גרויס איז געווען זיין ענוות, אז דאָס פאָלק האָט וועגן אים געשאפן אזא לעגענ־דע. 24)

2. חומש מיט רש"י

רש"י קומט אהיים, אין זיין אייגענער געבורטסשטאָט (טראָיעש) יונג אין יאָרן אָבער אַלט אין תורה און וויסן. מען נעמט אים באַלד אויף ווי אַ רב און מיטגליד פון בית־דין. נאַטירלאַך, לעבט ניט רש"י פון רבנות. צו מפרנס זיין זיין פאַמיליע נעמט ער זיך, ווי אַ סך פון די שטאָט־איינוואוינער צו וויינמאַכעריי. ער האָט וויינ־גערטנער, משמעות אין אַרענדע, און האַנדלט מיט וויין. די אַר־בעט ברענגט אים אין נאָענטן קאָנטאַקט ניט נאָר מיטן אידישן המון, נאָר אויך מיטן ניט־אידישן. און ווי עס איז צו זען פון זיינע ספרים און פירושים האָט רש"י געהאַט אַ גאָר, גאָר גרויסע ידיעה אין זיין פאַך. 25)

קוים האָט רש"י באַזאָרגט זיין פאַמיליע מיט פרנסה מיט דער פולער האַנט אָדער בצימצום, ווי גאָט האָט געגעבן, גרינדעט ער אַ ישיבה ביי אים אין שטאָט. עס נעמט ניט לאַנג און די ישיבה פון טראָיעש ווערט באַרימט ווייט און ברייט בכל תפוצות הגולה. עס שטראָמען תלמידים פון אומעטום צו זיצן ביי רש"י'ס פיס און לערנען זיין שטייגער. אַ חוץ דעם פאַרוואָרפט מען אים מיט שאלות־בריוו פון איבעראַל. אַלע שווערע שאלות ווערט געשיקט צו אים, צום גרויסן פרשן, וועמעס געדולד איז אַזוי גרויס ווי זיין שכל גראַד, און וועמעס ידיעה איז טיף און ברייט. רש"י זעצט פאָר די שיטה וואָס ר' גרשום האָט אָנגעהויבן: פאַרשטענדלאַך צו מאַכן דעם תלמוד צו אַלעמען.

און ניט נאָר דעם תלמוד — רש"י זעט איין די נויטווענדיג־קייט פון אַ פּאָפּולערן פירוש אויפן תנ"ך, אַ פירוש וואָס איטלעכער זאָל קענען פאַרשטיין. און עס איז אין דעם פירוש אויף תנ"ך וואו רש"י אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז ווי אַ נאַאיווער מאַמין, ווי אַ איד

א פשוט׳ער אָן קונצן, וועלכער קאָמבינירט פאָלקס־לעגענדעס, דרשות, פשט׳לאך און שכל הישר אין איינעם. רש״י האָט ניט אין זינען דעם תלמיד־חכם, דעם גרויסן תלמודיסט, ווען ער שרייבט זיין פירוש אויף חומש און נ״ך: ער האָט אין זינען דעם פשוט׳ן אידן, וואָס פאַרשטייט נאָך לשון קודש, כאָטש ער רעדט שוין פראַנצויזיש. פאַר אים פאַרטייטשט ער עס טאַקע א מענגע ווער־טער אויף דער גערעדטער פראַנצויזישער שפּראַך. ער שאַפט די באַרימטע בלעז״ן.

רש״י קען גוט די אידן פאַר וועמען ער שאַפט. זיינע צייט־גענאָסן זיינען ניט געווען אזוי הויך געבילדעט ווי א שטייגער די שפּאַנישע אידן. דאָרטן האָט מען גערעדט א גוטן אַראַביש, א שפּראַך זייער הויך אַנטוויקלט, וועלכע איז שטאַרק פאַרוואַנדעט צו העברייאיש און וועלכע האָט אויף איר געהאט א גרויסע השפּעה. די שפּאַנישע אידן, די אַריסטאָקראַטיע, האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט דער שיינקייט פון דער שפּראַך, מיט פּאָעזיע, די פראַנצויזישע און דייטשישע אידן האָבן אָבער געוואוינט צווישן פעלקער וועמעס שפּראַכן זיינען אליין געווען ווייט, ווייט פון פאַרפולקאָמענקייט. זיי האָבן דעריבער, וואַרשיינלאך, זיך אָנגעהאַלטן מער אָן העב־רייאיש אלס א טעגלאכע שפּראַך ווי די שפּאַנישע אידן. 26) דערי־בער געפינען מיר ביי רש״י׳ן רעדעס־אויסדרוקן וועלכע ווייזן אז די שפּראַך איז גאַנץ אָפט געברויכט געוואָרן, און דעריבער איז רש״י׳ס פירוש אזוי פאָלקסטימלאך, כאָטש געשריבן אויף לשון קודש. און וואָלט די שפּראַך פיל־ווינציג ניט געווען א גערעדטע, וואָלט מען ביי אים אין פירוש ניט געפונען אזוי פיל ניי אויסגע־שמידטע ווערטער, וועלכע זיינען שפּעטער אפילו אריינגעדרונגען אין אונזער אידיש. 27)

לייענען מיר רש״י׳ס פירוש אויף תנ״ך און ווערן נתפעל פון דער גרויסקייט זיינער, גרויסקייט איינגעהילט אין פשטות (מ׳וואָלט דאָס געדאַרפט רופן, אין דער בחינה פון גדלות שבפשטות). מיר זעען אַרויס די טיפקייט פון זיין וויסן און פון זיין פאַרשטיין דעם פסוק. קיין וואונדער ניט וואָס די לעגענדע וויל האָבן „אז ווען

רש״י האָט געענדיגט שרייבן זיין פירוש אויף דער תורה, האָט זיך צו אים באַוויזן משה רבינו און געזאָגט צו אים אַזוי צו זאָגן: גליקלאך ביזטו, שלמה, וואָס נאָר דו האָסט זוכה געווען צו פאַר־שטיין די ווערטער פון דער תורה, פּונקט ווי דו האָסט מבאר געווען האָב איך טאַקע אליין אַזוי מקבל געווען פון דעם אויבערשטיין״ . . . 28)

רש״י׳ס פירוש אויפן תנ״ך האָט געהאַט אַ גאָר, גאָר גרויסע השפּעה אויף דער ציוויליזירטער וועלט, ווי מיר וועלן זען שפּע־טער. אונז אידן, אָבער, האָט ער פּשוט געגעבן דעם שליסל צו די באַהאַלטענע אוצרות פון תנ״ך. רש״י, אין דעם פירוש אויף תנ״ך ווייזט זיך ארויס פאַר אונז ווי אַ דערפאַרענער פּעדאַגאָג און באַ־נוצט זיך מיט אַלע פאַרטלען וואָס אַ לערער מוז געברויכן, ווי פאַר־גלייכונגען, ווערטערלאַכע איבערזעצונג, משלים, גראַמאַטיקאַלישע כללים א.ד.ג. ער האָט, ווי ווייט מעגלאַך, געזוכט צו פאַרשטענדלאַך מאַכן אַנטראָפּאָמאָרפישע אויסדרוקן, אין דער תורה איבערהויפּט, מיטן ווערטל „דברה תורה כלשון בני־אדם״. רש״י האָט אין זיין פירוש אויך געהאַט אַן אויג אויף די וויכוחים וואָס די אידן האָבן געמוזט אָנפירן מיט די גויים, וועלכע האָבן געזוכט צו ברענגען ראיות פאַר זייער גלויבן פון תנ״ך. 29) אויפן זעלבן שטייגער באַהאַנדלט רש״י די אַזוי־גערופענע „קנעכט״ פּסוקים אין ישעיהו אויף וועלכע די קריסטן הענגען אָן זייערע גוט־באַקאַנטע איבּ־טערפּרעטאַציעס. 30)

ווי גרויס איז געווען די פּאָפּולאַריטעט פון רש״י׳ס פירוש איז נענוג אָנצואווייזן אַז זייער פיל פירושים זיינען געשריבן געוואָרן אויף פירוש רש״י, די מער באַרימטע פון זיי זיינען שפתי־חכמים, רא״ם (ר׳ אליהו מזרחי) לבוש האורה (ר׳ מרדכי יפה) „גור אריה״ (מהר״ל מפּראָג) א.אַ.

עס איז אינטערעסאַנט אָנצואווייזן אַז רש״י׳ס פירוש אויף דער תורה איז געווען דאָס ערשטע אידישע בוך וואָס איז דערשינען אין דרוק (י׳ אדר רל״ה — 1475 — אין דער איטאַליענישער

שטאָט רעדזשיא (31 דאָס הייסט אַז פּירוש רש"י איז שוין געווען געדרוקט עטלאַכע יאָר איידער די תורה איז געדרוקט געוואָרן אין אַ דרוקעריי. שפּעטער צו איז פּירוש רש"י געווען געדרוקט מיינ־סטענס ווי אַ באַגלייטער צום תורה־טעקסט, אַזוי אַז חומש און רש"י איז געוואָרן אַן איינייטלאַכקייט, אומטיילבאַר; און רש"י'ס פּירוש אויף דער תורה איז פאַרהייליגט געוואָרן צוגלייך מיט דער תורה.

3. דער „קונטרס"

דער תלמוד, נאָך מער ווי די תורה און נ"ך, איז באמת געווען א פאַרזיגלט בוך פאַר אַ סך אידן, ספּעציעל אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. די אידן פון די אייראָפּייאישע לענדער האָבן אָנגעהויבן רעדן שפּראַכן אנדערע ווי די אין וועלכע דער תלמוד איז געשריבן געוואָרן. די שפּראַך פון דער גמרא איז געווען א צונויפמיש פון העברייאיש, אראַמיש און אנדערע מזרח ווערטער וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייער מיין ביי די אייראָפּייאישע אידן. אויסער דעם איז סתם דער אינהאַלט פונם תלמוד געווען גאַנץ ווייט פון זייער איצטיגן לעבן. ווייל א חוץ וואָס דאָס לעבן אין אייראָפּע האָט אָנגענומען אנדערע פאָרמען ווי דער אין בבל און ארץ ישראל, וואו דער תלמוד איז געשאַפן געוואָרן, איז אויך דער גאַנצער געדאַנקענגאַנג און דרך־הלימוד פון די אידן אין אייראָפּע געווען אנדערש ווי דער פון בבל און ארץ ישראל. 32) אָן א קאָמענטאַר האָט בשום אופן א איד פון אייראָפּע ניט געקענט פאַרשטיין וואָס דער תלמוד האָט געמיינט. האָט מען אָנגעהויבן מחבר צו זיין פּירושים צום תלמוד. דער רב פלעגט מפרש זיין די סוגיא און די תלמידים פלעגן פאַרשרייבן די אָנמערקונגען און פּירושים אָדער ביי די זייטן פון ספר אָדער אין א סעפּעראַטן ביכל. אז א תלמיד פלעגט קומען אין א ישיבה פלעגט ער זיך פריער פאַר אליץ איינשאַפן א „קונטרס" וואָס ער פלעגט אָפט גאָר קויפן פון אן אנדער תלמיד. אין דעם קונטרס פלעגט ער, גענוי ווי סטודענטן היינט, צושרייבן די אייגענע נאָטיצן פון פּירושים וואָס ער האָט פון זיין רבי'ן געהערט. אמאָל פלעגט ער דאַרפן אויסמעקן א פּירוש פון ביכל און צושרייבן אַן אנדערן, אַן אנדערש מאָל צושרייבן אַ פּירוש וואָס ער האָט אליין מחדש געווען, אָדער אַן

אנדער נוסח וואָס ער האָט געהערט.

אזוי ארום האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין פאָלק קונטרסים וואָס קאַפּיטן פלעגן קאָפּירן. נאַטירלאָך פלעגט מען מוזן אונ־טערשיידן פון א קאַפּיטל און עם הארץ און א קאַפּיטל א תלמיד חכם. גראָד ווי מיר פארלאָזן זיך היינט אויף ארויסגעבער פון ביכער. 33) אָט די קונטרסים זיינען דאָס געווען דער באַזיס פאר רש״י׳ס פירוש.

ווען רש״י האָט געלערנט ביי זיין רבי׳ן ר׳ יעקב בן יקר אין וואָרמס האָט ער, ווי אלע סטודענטן, אָנגעהויבן פירן א קונטרס, געבויט אויפן נוסח פון ר׳ גרשום מאור הגולה און לויטן קונטרס פון מאגענצא (מאינץ). רש״י האָט איבערהויפּט זיך אָפּגעגעבן מיט אויסרייניגן די גרייזן פון די טעקסטן, מיט פארגלייכן פירושים און קונטרסים, ביז ער האָט אליין געשאַפן זיין קונטרס. די ערשטע אויסגאַבע פון זיין קונטרס האָט רש״י געענדיגט ווען ער איז נאָך געווען א תלמיד אין מאגענצא ישיבה, און געלערנט פון ר׳ יצחק ב״ר יהודה. נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו א צווייטע אויסגאַ־בע פון זיין קונטרס. אָבער אין זיין אייגענער ישיבה האָט ער זיך גענומען צו דער דריטער און לעצטער אויסגאַבע.

די אויסגאַבע האָט רש״י פארפאַסט ווען ער האָט געלערנט מיט זיינע צאָלרייכע תלמידים, און דעריבער האָט ער טאַקע דורך איר דערגרייכט צום העכסטן שטאַפּל פון אנטוויקלונג. אין די ווענט פון דער ישיבה, און ווי אין אויסדרוק פון ישיבה לעבן, איז געשאַפן געוואָרן דער לעצטער קונטרס. און אָט דער לעצטער אויסגאַבע ווייזט זיך ארויס רש״י׳ס פּינקטלאַכקייט און גרויסקייט. אין איין פלאַץ זאָגט רש״י אויף זיך אליין: מכל מקום אני טעיתי באותו פירוש ועתה עסקתי בו עם אחינו שמעיה והגהתיה״ — יעדנפאַלס האָב איך געמאַכט א טעות אין יענעם פירוש, און איצט אויפנעמענדיג דאָס מיט אונזער ברודער שמעיה האָב איך עס קאָ־רעגירט — (באַטראַכט נאָר די באַציאונג פון גרויסן לערער צו זיין תלמיד! . . .) 34)

לערנענדיג מיט זיינע תלמידים האָט רש״י געזען וואָס עס

פעלט דעם תלמיד און ער האָט זיך באַמיט צוצופאַסן דעם פּירוש פאַר אים. אַזוי אַרום איז רש"י'ס פּירוש אויך אויפן תלמוד געוואָרען אַ פּירוש ניט נאָר פאַר למדנים, נאָר אויך פאַר די ברייטע שיכטן פון פאָלק, וועלכע ווילן לערנען לשמה און ניט נאָר צוליב פּלפּול. רש"י'ס קונטרס איז געוואָרן אַ האַנטבוך און אַ שליסל צו עפענען די פאַרבאַהאַלטענע אוצרות פון דער תורה שבעל פּה און דער פאַקט איז, אַז צוליבן קונטרס רש"י אויף תלמוד בבלי איז דער תלמוד געוואָרן אַן אָפענער בוך פאַרן אידישן פאָלק, בעת דער תלמוד ירושלמי איז טאַקע געבליבן אַ פאַרזיגלט ספר, אַ ספר נאָר פאַר יחידי סגולה.

רש"י האָט ניט באַוויזן צו מאַכן די דריטע און לעצטע אויסגאַבע איבער אַלע מסכתות. פאַראַן איינינגע מסכתות וואָס זיינען פאַרענדיגט געוואָרן פון זיינע תלמידים, ווי אַ שטייגער די גמרא בבאַ בתרא און פּסחים. (זייער פּאַטעטיש ענדיגט זיך רש"י'ס פּירוש אויף מכות דף י"ט עמוד ב'. רש"י האַלט אין שרייבן זיין פּירוש ווען ביים וואָרט „טהור" הויכט ער אויס זיין גייסט, און זיין איידעם ענדיגט דעם פּירוש. די ווערטער אָבער דאָרטן אויפן שטעל זיינען פּשוט האַרצרייסנד: „רבנו גופו טהור ויצאה נשמתו בטהרה, לא פירש יותר מכאן ואילך לשון תלמיד ר' יהודה ב"ר נתן" . . . אונזער רבי, וועמעס גוף איז ריין און וועמעס נשמה איז אַרויס ביים וואָרט „טהור" האָט מער ניט מפרש געווען, פון דאַנען אָן איז דער פּירוש פון תלמיד ר' יהודה ב"ר נתן — זיין איידעם).

וואָס איז געווען רש"י'ס שיטה אין לערנען? זיין שיטה איז געווען די אינדוקטיווע, פון פּרט צום כלל. אַ פריער דאַרף מען פאַרשטיין יעדע קלייניגקייט, אַלע ווערטער, אַלע אויסדרוקן און נאָכדעם קען מען צוטרעטן צום כלל, צום ענין ווי אַ גאַנצן. פון דעם נעמט זיך די פּאָפּולאַריטעט פון רש"י'ס פּירוש. ער איז ניט געמאַכט געוואָרן פאַר למדנים, נאָר פאַרן פּשוט'ן אידן וואָס וויל פאַרשטיין וואָס די גמרא מיינט. און האָבנדיג געלערנט איין מסכתא, אָדער אפילו איין סוגיא וואו אַלץ איז געוואָרן אַזוי קלאָר

און פאַרשטענדלאַך האָט דער לערנער פריי געקענט שווימען אין די טיפענישן פון ים התלמוד. רש״י מיט זיין פירוש האָט אריינגעבראַכט לעבן אין די אַלטע רייד פון די תנאים און פון די אמוראים, ער האָט אפילו געדינט ווי אַ וועג ווייזער, ווי צו לייענען די ווערטער אָן פונקטואַציע. מיט אַ וואָרט ווי „בתמיהה״ האָט ער געגעבן דעם לייענער צו פאַרשטיין, אַז דאָ איז אַ פראַגע, מיט אַ „כלומר״ האָט ער אים פאַרטייטשט אַ הארבן שטעל. רש״י האָט ניט אַרונטערגערעדט צו זיינע תלמידים, פון אויבן אַראָפּ, נאָר גענאַנגען מיט זיי מיט פריינטשאַפט און מיט פאַרשטענדעניש. רש״י׳ס פירוש האָט ניט נאָר געדינט חדר־אינגלאַך ווען זיי האָבן אליין צום ערשטן מאָל געמאַכט „אַ לייענען״ 35) צו וויסן וואָס איז וואָס און ווער איז ווער, נאָר אויך לומדים מופלגים וואָס האָבן צוזאַמענגעפירט אַ תלמודישן וואַנט מיט אַ וואַנט, האָבן אויך אָן רש״י׳ן ניט געקענט זיך אַ קער טאָן.

ווייל רש״י האָט זיך באַנוצט מיט אַלע בעסטע מיטלען וואָס אַ גרויסער פעדאַגאָג נוצט זיך מיט זיי. און דאָס אַלעס איז ביי אים צוזאַמענגעבונדן מיט איינפאַכקייט, פּינקטלאַכקייט, קלאָרקייט און קורצקייט. מען מוז דאָ ברענגען איין באַווייז פון רש״י׳ס קורצקייט פון סטיל: אין תענית דף ח׳ עמוד א׳ געפינט זיך אָט די וואונדערבאַרע לעגענדע אויף וועלכער גאָלדפאַדן האָט געבויט זיין באַרימטע שולמית. אין גמרא טעקסט שטייט אזוי: ואמר ר׳ אמי — ר׳ אמי האָט געזאָגט: בוא וראה, קום און זע, כמה גדולים בעלי אמנה ווי גרוים עס זיינען די וואָס האָבן גלויבן און ביטחון. מניין? פון וואַנען איז עס געדרונגען? מחולדה ובור, פון דער מעשה „קאַץ און ברונים״. מאַכט רש״י:

חולדה ובור. מעשה בבחור אחד שנתן אמונתו לריבה אחת שישאנה. אמרה: מי מעיד? והיה שם בור אחד וחולדה. אָמר הבחור: בור וחולדה עדים בדבר. לימים עבר על אמונתו ונשא אַחרת, והוליד שני בנים. אחד נפל לבור ומת ואחד נשכתו חולדה ומת. אָמרה לו אשתו: מה מעשה הוא זה שבנינו מתים במיתה משונה? ואָמר לה כך וכך היה המעשה.

„קאַץ און ברונעם". עס איז געשען אַמאָל: אַ בחור האָט געגעבן זיין ערן־וואָרט צו אַ מיידל אַז ער וועט זי נעמען. האָט זי צו אים געזאָגט: ווער וועט זיין עדות? איז דאָרטן געווען אַ ברונעם און אַ קאַץ. רופט זיך אָפּ דער בחור: דער ברונעם און די קאַץ זיינען עדות. אַוועק זיינען יאָרן און דער בחור האָט ניט געהאַלטן זיין וואָרט און האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערע און די האָט אים געבוירן צוויי זין. איז איינער אַריינגעפאַלן אין ברונעם און געשטאָרבן, און איינעם האָט אַ קאַץ געביסן און ער איז געשטאָרבן. פרעגט אים די ווייב: וואָס איז די מעשה, אַז אונזערע זין שטאַרבן מיט אַזעלכע מיתות משונות. האָט ער איר דערציילט, אַזוי און אַזוי איז די זאַך געווען".

אין „ספר הערוך" איז די זאַך אַכט מאָל אַזוי די גרויס, און שוין אָפּגערעדט פון גאָלדפאַדעניס דראַמע. 36)

און וואָס אַנבאַלאַנגט די האַרציגקייט און צערטלאַכקייט פון דעם געבראַכטן ציטאַט פעלן ווערטער עס אויסצודריקן.

איינס מוז דאָ געזאָגט ווערן אין שלום פון קאַפּיטל: רש"י איז ניט נאָר געווען אַן אָביעקטיווער פּרשן, ער איז געווען אַ סוביעקטי־ווער וועג־ווייזער — און פון דעם נעמט זיך די גרויסקייט פון זיין פּירוש. צווישן רש"י און זיין פּירוש איז ניטאָ קיין מחיצה, פּונקט ווי עס איז ניטאָ קיין מחיצה צווישן רש"י און טעקסט אין די גע־דרוקטע שס"ן וואָס מיר ברויכן. רש"י — דאָס איז די עפּיטאַמיע, דער סך־הכל פון תלמודישן וויסן. תנ"ך, משנה, גמרא און רש"י— דאָס זיינען די פיר פּיס פון דעם קולטור־טיש אונזערן.

ד. רש"י'ס אַרבעט און השפּעה

1. רש"י'ס השפּעה ביי אונז, אידן

עס איז אומעגלאך זיך אפילו פאָרצושטעלן, וואָס פאר א פּנים אונזער אלטע ליטעראטור אויך אפילו די נייע וואָלט געהאט ווען מיר וואָלטן זיך ניט דערצויגן אויף רש"י'ס פּירוש, און וואָלטן ניט גע־האט די זכיה צו טרינקען פון זיין קוואַל. דעם אורטייל האָט שוין אונזער אַלטע ליטעראטור אויך אפילו די נייע וואָלט געהאט ווען מיר אָן ווען זי האָט באשאפן דעם באגריף „חומש מיט רש"י!

„חומש מיט רש"י — וויפיל פאָלקישקייט און תמימות עס ליגן אין אָט די ווערטער. דער תלמוד האָט פילע פאָלקס־מענטשן אָפּגע־שראָקן, עפּעס ווי צו הויך, צו טיף, צו אומפארשטענדלאך — אן ענין פאר יחידי־סגולה, פאר למדנים צו זיצן און פלפּל'ען זיך; אָבער חומש מיט רש"י — א נאָענטער הארצליכער ענין! . . . ווער־טער אזעלכע פשוט'ע, אזעלכע פארשטענדלאכע! זאָגט דאָך רש"י אליין אויף איין פלאץ „פשוטו כמשמעו" 37) — גאנץ פשוט, ווי זיין באדייט, אָדער ווי אויף אן אנדער פלאץ: „אינו זז ממשמעו"38) — עס רירט זיך ניט פון זיין באדייט. דאָס תלמודישע ווערטל „אין מקרא יוצא מידי פשוטו" 39) איז פאר רש"י'ן געווען מער ווי א ווערטל עס איז אים געווען א קריטעריאום, „א ליכט צו זיינע פיס". און כאָטש רש"י אליין האָט זיך פיל באנוצט מיט מדרש'ישע און אויך אגדה'ישע אינטערפּרעטאציעס זאָגט ער דאָך אויף איין פלאץ: „יש מדרשי אגדה רבים ואני באתי לפרש לשון המקרא כמשמעו." 40) מיר זעען באשיינפּערלאך, אז כאָטש רש"י האָט אנערקענט די צוויי קעניגרייכן וואָס עקזיסטירן אין דער עקסעגעטי־קע, רירט אָבער איין מלוכה ניט אָן דער אנדערער אפילו אויף איין

האָר ניט. בעסער: מען דאַרף מאַכן א פשרה צווישן די ביידע מלוכות, אריינברענגען א סינטעזע צווישן די ביידע רשות׳ן — צווישן פשט און דרוש: פשט — דאָס ראַציאָנאַלע און דרוש — דאָס לעגענדאַרע. פאַר רש״י׳ן זיינען געווען מפרשים וועלכע זיינען אַוועק פון פשט, נאָך רש״י׳ן זיינען געקומען מפרשים וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט דעם דרש. רש״י איז געשטאַנען צווישן די צוויי דרכים. דעריבער איז רש״י אַזוי באַליבט געוואָרן ביי אַלעמען וועלכע האָבן געשטרעבט צו אָט אַזאַ־אָ פשרה, א פשרה צווישן צוויי באַליבטע וועלטען. 41)

ווי שוין דערמאָנט אין א פריערדיגן קאַפּיטל האָט דווקא פראַנקרייך זוכה געווען אַז דער פאָלקס פרשן זאָל דאָרטן געבוירן ווערן און שאַפן. וואָרום? — ווייל דאָס אידישע לעבן דאָרטן איז געווען איינפאַכער און רעליגיעזער. דאָס לעבן איז געווען טיף־איינגעוואָרצלט און פאַרצווייגט מיט עכט־אידישן לעבנס־שטייגער, מיט גאָט ווי זייער א נאָענטן וועזן וועמען זיי קענען און ליבן. און קענענדיג גאָט אָן קונצן און אָן פילאָזאָפישקייט מעגן זיי דאָך פאַרשטיין דעם פשוט׳ן באַדייט פון זיין תורה און די רייד פון זיינע נביאים. שטייט דאָך טאַקע אין דער תורה אליין: „כי לא בשמים היא" 42) „ניט אויפן הימל איז דאָס, אַז דו זאָלסט זאָגן: ווער וועט אונדז ארויפגיין אויפן הימל און עס נעמען פאַר אונדז . . . נייערט זייער נאָענט איז דאָס וואָרט צו דיר" . . יע, אפשר האָבן זייערע ברידער אין שפּאַניע געקענט מער די כללים פון דעם לשון קודש, געוואוסט אונטערצושיידן צווישן איין מין און א צווייטן, צווישן איין צייט־וואָרט און א צווייטן אין דקדוק, אָבער געפילט די שפּראַך האָבן דווקא זיי. אין רש״י׳ס פירוש צום תנ״ך ווערט דאָס אידיש לעבן אַנטפּלעקט פאַר אונז אין אַלע זיינע שיינע פּאַזן. אַזוי דערקענען מיר רש״י דעם מאַן, דעם פאָטער, דעם יידן, מיר זעען ארויס זיין ענוות, זיין פשטות, זיין תמימות. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געהאַלטן אַז „טוב לפניו להתחבר את ענוים ולהיות אתם שפל רוח." 43) עס איז בעסער זיך צו באַהעפטן אָן די באַשיידענע און זיין ווי זיי א נידעריג געמיט. רש״י׳ס באַשיידנקייט האָט גאָר קיין

גרענעץ ניט. וואָס איז די שענסטע מידה וואָס רש"י געפינט ביי אהרן הכהן? — „הודה ולא בוש לומר לא שמעתי". ווען משה רבינו האָט אויסגערעדט זיין ברודער, אהרן, ווען משה רבינו האָט זיך ניט נוהג געווען לויטן פאָרשריפט האָט ער געזאָגט צו זיין ברודער, לויט רש"י'ס טייטש „איך ווייס ניט". 44) צו זאָגן „איך ווייס ניט" איז א גרויסע מדרגה! . . און אין פיל פלעצער זאָגט רש"י אליין מיט תמימות'קייט: „לא ידעתי פירושו" — איך ווייס ניט דעם באַדייט!

רש"י האָט פאַראייניגט אין זיין פערזענלאַכקייט אלץ וואָס איז שיין און דערהויבן מיט זיין פשטות און נאַאיוויטעט. זיין פערזאָן איז איינער פון די שענסטע און נאָבלסטע אין אונזער געשיכטע. זיין פערזענלאַכקייט האָט געלאָזן נאָך זיך שיינע אומפאַרגעסלאַכע שפּורן ניט נאָר אין זיין פירוש אויף תורה, נ"ך און תלמוד, נאָר אין די פילע אנדערע ווערק זיינע, ווי אויך אין זיינע תלמידים וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען זיינע שאַפונגען און מוסיף זיין אויף זיי. די בעלי „תוספות" וועמעס ערשטע פאָרשטייער זיינען געווען רש"י'ס אייניקלאַך, די דריי ברידער ר' שלמה בן מאיר (רשב"ם), ר' יעקב בן מאיר (ר' תם — דער גרעסטער תלמוד'ישער אויטאָריטעט נאָך רש"י'ן) און ר' יצחק בן מאיר (ריב"ם) 45) און זיין איידעם ר' יהודה בן נתן און נאָך פיל תלמידים. ווייל נאָך ביי רש"י'ס לעבן האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו ווייזן די שפּראָצן פון דעם „תוס־פות". 46)

די ווירקונג פון רש"י אויף דער אידישער וועלט איז געווען א פיל גרעסערע און שטאַרקערע ווי די וואָס האָבן אויסגעאיבט ר' סעדיה גאון לאַנג פאַר אים און דער רמב"ם א דור נאָך אים. דעם רמבמ'ס ווערק צ.ב.ש האָט שוין ביי זיין לעבן אויפגעהויבן א שטורם פון פּראָטעסט, צוליב זייערע פילאָזאָפישע און צו יענער צייט רעוואָלוציאָנערע אידייעס; רש"י, אָבער, איז געגאַנגען שעפּן פון די איינפאַכע מקורות, געוואָרן א לערער פארן פשוט'ן פאָלק וואָס וויל דינען זיין גאָט אָן קונצן און וויל פאַרשטיין זיין תורה און נאָך ביי זיין לעבן האָט ער שוין געהאַט אזא נאָכפאָלגערשאַפט.

ביי זיין לעבן נאָך האָט ער שוין זוכה געווען צו אזא קאָמפּלימענט ווי דעם וואָס זיין אייגענער רבי, ר' יצחק הלוי האָט אים געגעבן, אין א בריוו וואָס ער האָט אים געשיקט: „אין הדור יתום שאתה שרוי בתוכו וכמוך ירבו בישראל. 47) דער דור אין וועלכן דו לעבסט איז ניט פאַר'יתומ'ט און זאָלן זיך מערן אזעלכע ווי דו אין ישראל . . .

מען קען זאָגן, אז רש"י איז געווען איינער פון די גרינדער און אבות פון דער רבנ'ישער ליטעראַטור וועמעס קלאָרער, מעטאָדישער, אָרדנונגספּולער, ראַציאָנאַלער שטייגער אין לערנען און פּירוש איז נאָך איצט צו מערקן. מען קען מיט רעכט איבער אים זאָגן: מיט רש"י הויבט זיך אָן א נייע תקופה אין אידנטום, די תקופה וואָס האָט פאַראייניגט וויסנשאַפט מיט טיפע פרומקייט. 48) „נאָך איצט — שרייבט דר. א. בערלינער 49) — ווען אכט הונדערט יאָר זיינען שוין אוועק, קריגן מיר נאָך אלץ אינספּיראַציע פון אים — מיר די יעניגע וואָס קולטיווירן נאָך די הייליגע ליטעראַטור — מיר קומען צוריק צו זיין שול, צו זיין פּירוש. זיין פּירוש איז און וועט אויף תמיד פאַרבלייבן דאָס שיינענדיגע ליכט פון אונזער קולטורעלער ירושה" . . .

דורך דער גאַנצער מיטלאַלטער תקופה האָט מען רש"י'ן גערופן מיטן פאָלקסטימלאַכן צונאָמען „פּרשנדתא", 50) ווייל ער איז געווען דער ערשטער וועגווייזער אין לערנען סיי פאַרן אָנהייבער, דאָס חדר אינגל און סיי פאַרן דערוואַקסענעם. אין 14-טן יאָרהונדערט איז געווען א חוב פאַר א חדר אינגל צו לערנען רש"י, אפילו א גרויסן רב רימט מען פאַר דעם וואָס „ער פאַרשטייט דעם פּרשנדתא". 51)

רש"י'ס נאָמען איז געוואָרן א טייל פון דער אידישער קולטורעלער אייביגקייט. זון און טאַטע, יונג און אַלט קוקן אריין אין דעם ספּעציעלן סקריפּטור פון רש"י — יענע קיילעכדיגע, דינע, ליכטיגע אותיות'לאך וואָס רש"י האָט גענוצט אין זיין שרייבן און וואָס איז איבערגענומען געוואָרן פאַר דער רבנ'ישער ליטעראַטור —

א שריפֿט וואָס הויכט מיט האַרציגקייט, פֿאָלקסטימלאַכקייט און איינפֿאַכקייט. זיין פּירוש אויף דער תורה, כאָטש רש"י אַליין האָט געהאלטן — ווי עס זאָגט עדות זיין אייניקל, דער רשב"ם, — אַז ער האָט געדאַרפֿט רעווידירן זיין פּירוש („וגם ר' שלמה אבי אמי מאיר עיני וגלה שפירוש תורה נביאים וכתובים נתן לב לפרש פשוטו של מקרא, ואף אני שמואל ביר מאיר חתנו זצ"ל נתוכחתי עמו ולפניו והודה לי שאילו היי לו פנאי היי צריך לעשות פירושים אחרים לפי הפשטות המתחדשים בכל יום") 52) איז נאָך אפֿשר ניט געהעריג אָפּגעשאַצט געוואָרן. א סך מפרשים, מאָדערנע ווי אַמאָליגע האָבן געמאַכט פּירושים אויף דער תורה — אָבער רש"י'ס פּירוש בלייבט דאָך דער הויפּט קוואַל. גרויסע עקזעגעטן, וועמעס פֿילאָלאָגישע ידיעות שטייגן געוויס אריבער די פֿון רש"י'ן, שעפּן נאָך אַלץ פֿון זיין קוואַל, ווי מיר וועלן נאָך שעפּן פֿון אים עד סוף כל הדורות.

2. רש״י׳ס פירוש און זיין באציאונג צו דער גוי׳שער וועלט.

שוין אין רש״י׳ס פירוש געפינען מיר, ווי שוין פריער דערמאנט, רמזים פון די רעליגיעזע וויכוחים וואָס די אידן האָבן געמוזט איבערגוואלד, אָנפירן מיט די קריסטן. רש״י האָט זייער פיינט געהאט די פארפירטע און פארפירנדיגע, די „מסיתים" און די „מדיחים", די מיסיאָנערן — על פי רוב געוועזענע אידן וועלכע האָבן געקענט, מערסטנטיילס, גוט דעם תנ״ך און פלעגן ברענגען ראיות פון די היילינע ספרים אז קריסטוס איז טאקע דער מלך המשיח אויף וועמען אונזערע נביאים האָבן נביאיש געזאָגט.

נעמען מיר צ.ב.ש. דעם פסוק: „יסר לץ לוקח לו קלון ומוכיח לרשע מומו" 53) („דער וואָס מוסרט דעם שפעטער נעמט זיך שאנד און דער וואָס שטראָפט דעם רשע—טאדל אויף זיך"). מאכט רש״י: „מום הוא למוכיח שזה מחרפו ואינו שומע לו. זו היא אזהרה שאסור לדבר עם המסיתים מדרך הישרה אפילו להוכיחם ולקרבם". 54) („דער מוכיח, דער מוסר־זאָגער פארוואונדיגט זיך אליין, ווייל יענער זידלט אים און הערט זיך גאָר ניט איין. דאָס איז א פארזאָג, אז מען טאָר מיט די אָפריידער פון גלייכן וועג אפילו ניט ריידן, אויך ניט מוסרן זיי אָדער זיי מקרב זיין). בלויז זיך באגעגענען מיט אָט די חברה איז אן אומגליק: „פגוש דב שכול באיש ואל כסיל באולתו" 55) — („בעסער א מענטשן זאָל אָנטרעפן א בערנטע בארויבט פון אירע יונגע, אבי ניט א נאר מיט זיין טיפשות"). זאָגט רש״י: „טוב לאדם שיפגש בו דב משכל ואל יפגע בו אחד מן הכסילים המסיתים אותו לסור מהי ומתורתו" 56) — („בעסער זאָל זיך א מענטש באגעגענען מיט א פארוואָרפנדיגן בער, איידער ער זאָל אָנטרעפן איינעם פון יענע נאראָנים וועלכע ריידן אָפ צו זיך אָפקערן פון גאָט און פון זיין תורה").

פאַראַן אין ישעיהו א פסוק, וואָס איז אייגנטלאך ניט שווער און ניט אויסערגעווייגלאך, נאָר איין וואָרט איז אין אים געשריבן מיט א פאַרמאַכטן מי״ם (א שלוס מי״ם) אין מיטן וואָרט, און אויף דעם פסוק האָבן די קריסטלאַכע מפרשים און להבדיל אונזערע דרשנים פיל גע׳דרשנ׳ט. דער פסוק איז אין קאַפיטל ט׳ פסוק ו׳: „לםרבה המשרה ולשלום אין קץ על כסא דוד ועל ממלכתו להכין אותה ולסעדה במשפט ובצדקה מעתה ועד עולם קנאת ה׳ צבאות תעשה זאת״ 57) (צו מערן די הערשאַפט, און צו שלום אָן שיעור, אויף דעם טראָן פון דוד און אויף זיין מלוכה; זי צו פעסטיגן און זי אונטערצושטיצן מיט רעכט און גערעכטיגקייט, פון אצינד ביז אייביג, דאָס אָננעמען זיך פון גאָט צבאות טוט דאָס דאָזיגע״). שוין אין מסכת סנהדרין (דף צד עמוד א) געפינען מיר: „אמר ר׳ תנחום: דרש בר קפרא בצפורי, מפני מה כל מ״ם שבאמצע תיבה פתוח וזה סתום? ביקש הקדוש ברוך הוא לעשות חזקיהו משיח וסנחריב גוג ומגוג. אמרה מדת הדין לפני הקדוש ברוך הוא: רבונו של עולם! ומה דוד מלך ישראל שאמר כמה שירות ותשבחות לפניך לא עשיתו משיח, חזקיהו שעשת לו כל הנסים הללו ולא אמר שירה לפניך תעשה משיח?! לכך נסתתם — —. — ״ „ר׳ תנחום האָט געזאָגט: בר קפרא האָט גע׳דרשנ׳ט אין צפורי, פאַרוואָס זיינען אלע מימ׳ן אין מיטן וואָרט אָפענע און דער א פאַרמאַכטער? גאָט ברוך הוא האָט געוואָלט מאַכן חזקיהו המלך, משיח און סנחריב — גוג ומגוג. האָט דער מידת הדין געזאָגט פאַרן הייליגן, געבענטשט זאָל ער זיין: מה דאָך דוד מלך ישראל וואָס האָט אזוי פיל שירות און תשבחות געזאָגט פאַר דיר האָסטו אים ניט געמאַכט משיח, חזקיהו וועמען דו האָסט אזוי פיל נסים געוויזן און ער האָט גאָר ניט פאַר דיר געזונגען וועסטו יע מאַכן משיח? — דעריבער איז ער פאַרמאַכט געוואָרען — — —״.

דער רד״ק, איינער פון די ראַציאָנאַלסטע מפרשים האָט זיך געמאַטערט אריינצוברענגען משיח׳ישע כוונות אין אָט דעם פסוק וואָס האָט דעם וואָרט „לםרבה״. 58) איבערהויפּט האָבן זיך די קריסטלאַכע מפרשים אָפּגעשטעלט אויף די ווערטער „מעתה ועד

עולם". אידישע מפרשים האָבן געזאָגט אז „עולם" מיינט אייביג, און דאָס גייט אויפן מלך משיח. און אזוי טייטשן די גויים אז עס גייט אויף זייער משיח. אָבער רש"י מאכט אוועק מיט איין פשוט'ן, דעציידירנדן טייטש די גאַנצע געביידע, אז עס גייט אויף שפּעטער, ווען ער טייטשט: „מעתה ועד עולם", עולמו של חזקיהו, כל ימיו, וכך מצינו שאמרה חנה על שמואל „וישב שם עד עולם". ולתשובת אחרים האומרים שהוא שם להשיבם מהו מעתה והלא לא בא עד לסוף ג' מאות שנה" . . . עולם מיינט א לעבנס־דוים, פּונקט ווי ביי חנה און שמואל, ווען זי האָט געזאָגט אז ער זאָל דאָרטן (אין שילה) זיצן עד עולם, האָט זי געמיינט זיין לעבנס־צייט. אזוי אויך דאָ. וואָרום ווי אזוי קען מען זאָגן אז „מעתה ועד עולם", דערקלערט רש"י, גייט אויף אים (ער רופט אים ניט, יעזוסן ביים נאָמען נאָר הוא) ווען ער איז ערשט געקומען ארום דריי הונדערט יאָר שפּעטער . .

פון די און פילע אנדערע פּירושים איז לייכט צו זען אז רש"י איז גוט באקאנט געווען מיט די טענות און פּירושים פון די קריסט־לאכע מלומדים און זייערע מלמדים — די משומדים . . . רש"י האָט זיך אפשר ניט באטייליגט אין די עפנטלאכע דעבאטעס, כאָטש די פראנצויזישע אידן זיינען געווען פריי און האָבן אומגעשטערט זיך באטייליגט אין די רעליגיעזע וויכוחים. האָבן מיר שוין אין א פריער־דיגען קאפּיטל באמערקט ווי אזוי רש"י האָט פאַרטייטשט געוויסע פּסוקים אויף וועלכע קריסטלאכע לומדים האָבן אויפגעבויט גאנצע בנינים. רש"י האָט אָבער מיט איין אויסדרוק אָדער מיט איין וואָרט געקענט סותר זיין אלע זייערע טענות. אפשר טאקע א דאנק די קריסטלאכע פאַרקריפּלדיגע פּירושים און זייער אָננעמען תורת משה ווי אן אלעגאָריע, האָבן זיך די אידישע מפרשים פאַרפעסטיגט דורכן אָנווייזן אויף די אמת'ע באַדייטן פון די פּסוקים — דעריבער איז אפשר רש"י אזוי שטאַרק מיט זיין פּאָסטולאַט, אז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו". 59)

פאַר די מסיתים, די אמאָליגע פּראָפּאַגאנדיסטן פאַר אסימילא־ציע און שמד און פאַר די גוי'ישע אידייעס האָט רש"י געהאַט איין

וואָרט: נבל. נידערטרעכטיגער, מנוול. די גמרא אין ברכות 60) זאָגט: הרהור עבידה והרהור עבורת כוכבים מנלן? דתניא „אחרי לבב־כם" 61) זו מינות. וכן הוא אומר „אמר נבל בלבו אין אלהים". 62) מאכט רש"י: מינות אותם ההופכים טעמי התורה למדרש טעות ואליל וכן הוא אומר אמר נבל בלבו אין אלהים — ואין לך נבל מן ההופך דברי אלהים חיים. פון וואנען איז געדרונגען אז מען טאָר ניט טראכטן וועגן א זינד אָדער געטשנדינעריי, ווייל מיר האָבן גע־לערענט „נאָך אייער הארצן", דאָס מיינט מינות (אפיקורסות) און אזוי שטייט טאקע געשריבן „דער נידערטרעכטיקער זאָגט אין זיין הארצן: ניטאָ קיין גאָט!" מינות מיינט די יעניגע וועלכע פארדרייען די טעמים פון תורה צו מאכן פאלשע און נארישע דרשות. ווי עס שטייט „דער נידערטרעכטיקער זאָגט אין זיין הארצן, ניטאָ קיין גאָט!" עס איז ניטאָ קיין מנוול'דיגער פארשוין פון דעם וועלכער פארדרייט די ווערטער פון לעבעדיגן גאָט . . .

און דאָך, וואָלט זיך קיינער ניט געקענט פארשטעלן אז דער גאון וואָס האָט געשריבן נאָר פאר זיין פאָלק, וועט אויסאיבן אזא השפעה אויך אויף די גויים, א השפעה וואָס אין געוויסערמאסן האָט געהאָלפן אונטערצוגראָבן די פונדאמענטן פון דעם קאָטוילישן בנין און ארייננברענגען רעפאָרמען אין דער רעליגיע; דווקא רש"י, וועלכער איז געווען אזוי ווייט און אנדערש פון די גויים און זייער וועלט, זאָל זיין דער יעניגער וואָס האָט געהאָלפן די רעליגיעזע רע־פאָרמאציע אין קריסטנטום.

3. די השפעה פון רש"י אויף דער גוי'אישער וועלט

§ א. די תקופה פאר רש"י §

אונזער תנ"ך, די הייליגע ספרים זיינען פון אונז אוועקגעריסן געוואָרן און געוואָרן „דער אלטער טעסטאַמענט" ביי די גויים, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם פאַגאַניזירטן אידנטום — קריסטנטום. און כאָטש זיי פלעגן תמיד בינדן צוזאמען „דעם אַלטן מיטן נייעם טעסטאַמענט" איז צווישן דיביידע ספרים געלעגן אזא טיפער אָפּגרונט, ווי עס איז צווישן אידנטום און קריסטנטום . . . מיר האָבן זיך געהאַלטן ביי דער תורה וואָס משה רבנו האָט באַקומען אויפן בארג סיני, אָבער שאול פון תרסוס האָט געבראַכט דער וועלט א נייע תורה — א „נייעם טעסטאַמענט". 63) מיר האָבן דעם „נייעם טעסטאַמענט ניט אָנגענומען, ווייל מיר האָבן ניט קיין „אַלטן טעסטאַמענט". אָבער די גויים וועלכע האָבן אָנגענומען דעם „נייעם טעסטאַמענט" מוזן דאָך, אויב זיי ווילן אים גוט פארשטיין, שטודירען און חקירה'ן זיך אין דעם „אַלטן טעסטאַמענט" — אין אונזער תנ"ך, הייסט עס.

אזוי לאַנג ווי קריסטנטום איז געווען א נייע סעקטע אין אידנטום, האָבן נאָך די ערשטע „קירכן פאָטערס" געקענט ווי עס איז פאַרטייטשן א פסוק אין זיין אָריגינעלער שפראַך און זיינען אויך געווען באַ'הבנ'ט מיטן דרוש לויט דער אינטערפרעטאציע פון די חכמי התלמוד און מדרש. אָבער ווען דער גרויסער ריס, וואָס וועט קיינמאָל ניט פארנייט ווערן, איז געמאַכט געוואָרן און קריסטנטום האָט זיך אָפּגעשיידט פון אידנטום, איז אויך פאָרגעקומען דער גרויסער ריס אין די פירושים צו די הייליגע ספרים. די גע־

לערנטע פון דער קירך האָבן, צו זייער באַדויערן, אויסגעפונען אַז זיי פאַרשטייען ניט אַ פסוק ווי געהער צו זיין, און אַז זיי ווילן גאַנץ באַשטימט פאַרגעסן דעם „אַלטן טעסטאַמענט" וואָס איז אַן הקדמה צו זייער תורה. האָבן זיי דעריבער זיך געקליגט און פלעגן דינגען לערער פאַר דער אידישער תורה און שפּראַך פון צווישן די אידן אַליין. דאָס איז זיי ניט אָנגעקומען לייכט. ניט נאָר האָבן אידן געקוקט קרום אויף די וועלכע לערנען די גויים תורה, און געפּסקנט אַז „אין מוסרים תורה לבן אומות העולם". 64) („מען טאָר ניט איבערענטפערן די תורה צו אַ זון פון די פעלקער פון דער וועלט"), נאָר אפילו דאָס איבערזעצן פון דער תורה אויף גריכיש פון די זיבעציג תלמידי חכמים (די אַזוי־גערופענע סעפּ-טואַגינטאַ) וואָס האָט פאַרגעשטעלט אונזער תורה צו דער וועלט, איז געווען אַ זינד, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט: „והיה היום (יענער טאָג אויף וועלכן די תורה איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף גריכיש אין די צייטן פון די תלמי המלך — פּטאָלעמוס פילאַדעלפוס דער צווייטער, 285-247 פאַר דער קריסטלאַכער צייטרעכענונג) קשה לישראל היום שנעשה העגל". 65) (שווער געווען פאַר אידן ווי דער טאָג אין וועלכן דער עגל איז געמאַכט געוואָרן . . .).

איינער פון די פריערדיגע קריסטלאַכע געלערנטע, וועלכער האָט געשעפּט זיינע העברייאישע ידיעות פון די ערשטע קוואַלן איז געווען הירענימוס, מיט זיין פולן נאָמען — אייזעביוס סאָפראָניוס הירענימוס, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין סטרידאָ, דאַלמאַציע אַרום דעם יאָר 340 און געשטאָרבן אין יאָר 420. הירענימוס, וואָס האָט איינגעזען די נויטיגקייט פון דערציען פרויען, האָט גע-גרינדעט אַ קלויסטער פאַר נאָנעס אין בית־לחם, ביי ירושלים, און עכ איז געווען ווען ער האָט געוואוינט אין ארץ-ישראל, אַז ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן לימוד פון העברייאיש, כדי ער זאָל אַליין קע-נען לייענען דעם תנ"ך אין אָריגינאַל. די נעמען פון צוויי פון זיינע לערער זיינען אונז באַקאַנט: נקדימון און בר־חנניא. בר חנניא פלעגט קומען צו אים „באַהאַלטענערהייט ווייל ער האָט מורא גע-האַט פאַר דעם צאָרן פון די אידן". 66) הירענימוס רופט זיך

אליין מיטן נאָמען „טרילינגווים", א דריי־שפּראַכן קענער: גרי־כיש, לאַטיין, און העברייאיש.

קיין גוואַלדאָוונער ידען אין העברייאיש איז ער דאָך ניט גע־ווען, כאָטש ער האָט אפילו געשריבן אַ בוך אין וועלכן ער האָט פאַרטייטשט די נעמען פון מענטשן און פּלעצער, 67) און כאָטש ער געברויכט מדרש'ישע אידיאָמען: „זהו מה שנאמר", 68) און זיין פירוש אויף תנ"ך איז פיל באאיינפלוסט פון די חכמי המדרש פון זיין צייט. 69) בדרך אגב: זיין קענען העברייאיש און זיין גריבלען זיך אין אידישע ספרים האָט אים פאַר קיין גרויסן אידנפריינט ניט געמאכט. ער האָט ארויסגעוויזן צו אונז זיין גרויסע שנאה און ניט איין מאָל אונז געשטראָפט פאַר אונזער גרויסן „טעות". און כאָטש ער האָט געקענט די שפּראַך, האָט דאָך אַלעמאָל געמוזט אָנקומען צו אידישע מלומדים.

אין דער אמת'ן האָט שוין היראָנימוס געהאט פאַר זיינע אויגן אַן איבערזעצונג פון תנ"ך — דאָס איז געווען אריגענ'ס ווערק. (אָריגען — איינער פון די נאָר ערשטע „קירכען־אבות" — געלעבט בערך 185—254) אָריגען האָט אין זיין „העקסאַפּלאַ" ווי אויך אין זיין „טעטראַפּלאַ" אריינגענומען די איבערזעצונגען פון אָקילאַס (אונקלס) ר' עקיבא'ס תלמיד און געמאכט אַ פּאַרזוך אין זיינע נוסחאות צו געפינען אַ פּאַרגלייך צווישן די סעפּטואַגינטאַ איבער־זעצונג און דעם העברייאישן טעקסט. 70) אָבער היראָנימוס האָט אליין געוואָלט פאַרשטיין דעם העברייאישן טעקסט און צוליב דעם צוועק האָט ער געלערנט די שפּראַך, באַנוצנדיג זיך מיט איר, ווי וויט ער האָט עס געדאַרפט, ארויסצוברענגען די קריסטלאַכע אידייען דורך אריינטייטשן זיי אין די פסוקים. 71)

§ ב. די תקופה פאר דער רעפאָרמאציע §

די ערשטע קריסטלאכע איבערזעצער פון תנ״ך ווי אריגען און היראָנימוס האָבן ניט געקענט באפרידיגן די יעניגע וועלכע האָבן גע־לעכצט נאָך גאָט׳ס וואָרט. דער תנ״ך איז איבערגעזעצט געוואָרן ניט אין די פאָלקס שפּראכן, נאָר אין אָפּגעשטאָרבענע שפּראכן וועל־כע זיינען געווען אקאדעמישע. פאר דעם המון, פארן פּראָסטן מענ־טשען איז דער תנ״ך געווען א פארזיגעלטער בוך. זייער ווייניג האָ־בען געקענט לייענען און נאָך ווייניגער שרייבן, און אפילו די גייסט־לאכע, ווי שוין פריער דערמאָנט, זיינען געווען וויסטע עמי הארצים.

האָבן דאָס די געלערנטע איינגעזען און באשלאָסן צו טאָן עפּעס. זיי האָבן איינגעזען אז ביי אונז אידן, ביי וועמען לערנען איז גאָט׳ס דינסט, זיינען פאראן מער געלערנטע ווי ביי זיי, און זיי האָבן געוואוסט אז דער פאקט וואָס יעדער איד מוז קענען כאָטש לייענען דעם תנ״ך האָט א סך געהאָלפן צו פארשפּרייטן פאָלקס־דערציאונג, האָבן זיי באשלאָסן, זיי מוזן אויך געבן דעם תנ״ך צום המון אין פארשטענדלאכע שפּראכן. אָבער כדי זיי זאָלן קענען אי־בערזעצן די היליגע שריפטן אין די שפּראכן וועלכע זיינען גערעדט געוואָרן, האָבן זיך די קריסטלאכע געלערנטע גענומען מיט חשק און מיט ברען צו פארשטיין די מקורות, די אָריגינאלן אי פון דעם „נייעם״, אי פון דעם „אלטן״ טעסטאמענט. און שוין געפינען מיר, אז א פאָר יאָר־הונדערטן פארן רענעסאנס האָט שוין דער „אלטער ביד״ (735—672) (72 נעקענט העברייאיש, און עס איז גאנץ מעג־גלאך אז ער האָט געהאט אידישע מלמדים אין ענגלאנד. אָט דער ביד האָט געהאט א גאָר גרויסע ווירקונג אויף זיינע נאָכפאָלער וועל־כע האָבן געלעבט אין דער צייט פון קארל דעם גרויסן (814—714), וואָס דעמאָלט האָט פאר א קורצע וויילע א בליאסק געטאָן א שטראל

פון ליכט אין אייראָפּע: אַלכואין פון יאָרק (735—804) 73) און פּעטער פון פּיזא, אין אלכואינס בריוו פון יענער צייט געפינען מיר פילע ציטאטן פון תנ"ך וועלכן ער האָט געלערנט פון אָריגינאַל. מיטן בישאָפּ עלבערט, א גרויסער געלערנטער אין זיין צייט איז ער ארומגעפאָרן און געווען מיט אים אין רוים 74), וואו ער האָט געשטודירט אָריגינעלע מאַנוסקריפּטן, און זיך באקענט מיט אידישע געלערנטע. פון אַלכואין האָט דאָס דער ארצבישאָף פון מאַינץ, ראַבאַנוס מאַאורוס 75) געקראָגן העברייאישן אונטעריכט און פון אים האָט געלערנט וואַלאַפריד סטראַבאָ (809 — 848) וואָס האָט פארפאסט א העברייאישן ווערטערבוך (גלאָסאַר אָרדינאַריאַ). צווישן די געלערנטע דארפן דערמאָנט ווערן קלאַודיוס פון טורין (געשטאָרבן 832) א געבאָרענער אין שפּאַניע וועלכער האָט זיך אויפגעהאלטן ביים קעניג פון אַקוויטאַניא, (א טייל פון פראַנקרייך). ער האָט פארפאסט א פּירוש אויף בראשית (אין יאָר 811 אויף שמות (812) און אויף ויקרא (825).

שטאַרק איז געווען דאָס אינטערעס צו לערנען העברייאיש און כאָטש ס'האָבן געפעלט לער־און־ווערטער ביכער, פלעגן די געלערנטע אליין דינגען פאר זיך אידישע לערער צו לערנען די שפּראך. דווקא די קרייציגלער וואָס האָבן אונזער פאָלק אזוי פיל צרות אָנגעטאָן, הווקא דורך זיי איז דאָס וויסן פון העברייאיש פארמערט געוואָרן. מיר געפינען אז אין יאָר 1331 האָט שוין דער לאָנדאָנער אוניווערסיטעט אליין אָנגעשטעלט א פּראָפעסאָר פאר העברייאיש. אַלע האָבן איינגעזען, ספּעציעל די יעניגע וועלכע פלעגן זיך באטייליגען אין די געצוואונגענע רעליגיעזע וכוחים, אז אָן די ריכטיגע ידיעות פון העברייאיש קענען זיי דעם תנ"ך ניט פארשטיין.

א פּאָר הונדערט יאָר פאר דער קריסטלאכער רעליגיאָנס־רעפאָרמאציע האָבן א סך פון די קריסטלאכע גייסטלאכע זיך אָפּגעגעבן מיטן לערנען העברייאיש. גענוג דאָ צו דערמאָנען דאָס בארימטע פּאָר אַבעלאַרד און העלואיזע, וועמעס גרויסע טראגישע ליבע ווערט נאָך ביז היינט באזונגען און באשריבן. זיי האָבן ביידע געלעבט אין עלפטן־צוועלפטן יאָרהונדערט, און איינע פון די הויפּט־באַשול-

דיגונגען קענען העלואיזען איז געווען דאָס איר העברייאיש קענען האָט איר פון גלייכן וועג אָראָפּגעפירט . . .

אַז דאָס קענען העברייאיש איז פאַרשפּרייט געוואָרן האָבן די קריסטלאַכע עקזעגעטן זיך דערנענטערט צו די אידישע. אַזוי שנעל ווי רש״י׳ס פּירוש אויף תנ״ך איז באַקאַנט געוואָרן, געפינען מיר שוין אַז אַ קריסטלאַכער געלערנטער פון צוועלפטן יאָרהונדערט, ניקאָלאַס מאַניאַקאַריא דערמאָנט שוין די אידישע מפרשים און איבערהויפּט פאַרלאָזט ער זיך אויפן פּירוש פון רש״י. 76)

דער ענגלישער פילאָזאָף ראָדזשער בייקאָן (אַרום 1214-1294) האָט געקענט העברייאיש און זיך געווים באַנוצט מיט רש״י׳ס פּירוש. אַזוי אויך זיין צייט-גענאָסע וויליאַם די מאַרא, וועלכער דערמאָנט בפירוש, רש״י׳ן. די קאַטאַריסטישע סעקטע אין מיטל-אַלטער, אָן אַפּיקורסישע איקאָנאָקלאַסטישע סעקטע, וועלכע איז באַקענט געווען אין פאַרשידענע לענדער אונטער פאַרשידענע נעמען: אין בולגאַריע—„באָגאָמילס״, און, אין די מערב-לענדער „טיקסעראַנדעס״: „די וועבער״ א.אז.וו. דאָס איז געווען אַ מין פּוריטאַנישע באַוועגונג אָן די פּוריטאַנישע פאַרפרומקייט און וצדקתך׳דיגקייט. אָט-אָ-די סעקטע האָט געשעפּט איר הויפּט יניקה פונם לערנען דעם תנ״ך אין אָריגינאַל.

עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט אַז ווען די גלחים און די גייסטלאַכע אין דער קריסטלאַכער קירך האָבן דאָס איינגעזען, האָבן זיי געוואָלט אָפּהאַלטן אָט-אָ-די פרייע „העברייאישע באַוועגונג״, און זיי האָבן געוואָלט האָבן אויף איר אַ קאָנטראָל. זיי האָבן דעמאָלט פאַרופן אַ ראַט אין דער שטאָט וויענע אין יאָר 1311. ביי יענעם ראַט איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן קאַטעדרעס פאַר העברייאיש אין אָקספאָרד, באָלאָנאַ און סאַלאַמאַניקאַ. אַזוי אַרום האָבן זיי אי געלערנט העברייאיש, איר געהאַט די השגחה אויף די לימודים, אַז עס זאָלן קיין אַפּיקורסישע געדאַנקען ניט אַריינדרינגען אין די מוחות פון די תלמידים.

§ ג. די „קריסטלאכע רעפאָרמאציע" §

איינער פון די קריסטלאכע געלערנטע, וועלכער האָט מער ווי וועמער אנדערש געקראָגן זיין הויפּט יניקה פון רש"י'ס פּירוש איז געווען ניקאָלאַס די ליראַ וועמען מען רופט, און באמת ניט אָן אן אורזאך, דער גרעסטער עקזעגעט פון דעם מיטלאלטער". דורך די פּירושים פון אָט־דעם געלערנטן האָט די קריסטלאכע וועלט, שוין צום צווייטן מאָל אין געשיכטע באקומען א דירעקטע אידישע השפּעה.

ניקאָלאַס די ליראַ איז געבאָרן געוואָרן אין דער שטאָט ליראַ, אין נאָרמאַנדיע, פראנקרייך אין יאָר 1270 און איז געשטאָרבן אין יאָר 1340 (פּונקט צוויי הונדערט יאָר נאָך רש"י'ס געבורט). ער איז געווען א גרויסער קענער פון העברייאיש און מען האָט אויף אים אונטערגעברומט, אז ער שטאַמט טאקע ארויס פון אידן, כאָטש ער איז געבוירן געוואָרן א קריסט און צו קריסטלאכע עלטערן. די ליראַ האָט גוט געקענט העברייאיש, האָט זי שטארק ליב געהאט, אָבער זיין ליבע צו דער שפּראך פון די אידן האָט ניט פארגרעסערט זיין ליבע צו אידן, נאָר פארקערט — זיין שנאה. 77) אָבער צו זיין מזל האָט זיך די ליראַ אומשטערבלאך געמאכט ניט מיט יענע ספרים אין וועלכע ער אטאַקירט אונזער פאָלק, נאָר דווקא דורך יענע, אין וועלכע ער איז מפרש דעם תנ"ך און ווייזט זיין וויסן אין די פאר־שיידענע אָריגינעלע טעקסטן און איבערזעצונגען. אין זיין בוך: Tractatus de differentia nostrae translations ab Heraica veritae מאַכט ער א פארזוך אָנצואווייזן אויף די טעות'ן און פארגלייכונגען צווישן די וואולגאטע — די לאטיינישע איבערזעצונג פון תנ"ך לויט היראָנימוס — און דעם אָריגינעלן טעקסט. פּונקט ווי ראָדזשער בייקאָן, דער ענגלישער פילאָזאָף פאר אים, האָט די ליראַ פיינט גע־

האָט די איבערזעצונגען, און האָט זייער ליב געהאַט צו לייענען דעם אָריגינאַל ווי אויך די מפרשים, וועלכע האָבן געשריבן העברייאיש. אין איין פּלאַץ דריקט זיך די לירא אוים אזוי: „איך מוז זאָגן ניט נאָר האָבן מיר געהאָלפן צו פאַרשטיין די אמת'ע באַדייטונג פון דעם תנ"ך די ווערטער פון די קאַטוילישע געלערנטע, נאָר מער ווי דאָס די רייד פון די אידישע געלערנטע, און איבערהויפּט פון די פירושים פון דעם גרויסן רבי שלמה, דער דאָקטאָר ביי די אידן. 78) און ביי פילע אנדערע געלעגנהייטן האָט די לירא אויסגעדריקט זיין פאַרערונג צו רש"י. אין זיין בוך "Postillae" (אָנמערקונגען) פאָלגט ער אויף אַזוי פיל נאָך רש"י'ס פירושים אַז זיינע חברים רופן אים מיטן צונאָמען Simia Salomonis „רש"י'ס אַף". די לירא זאָגט אַליין אויף זיך: איך פאָלג נאָך רבי שלמה".79)

פון די לירא'ן טראָגט זיך רש"י'ס השפעה דירעקט אריבער צו מאַרטין לוטער: אויף ווי ווייט רש"י'ס השפעה איז געווען קענטיג אויף לוטער'ס איבערזעצונג פון תנ"ך, איז גענוג צו ברענגען דאָ דעם גראַם וואָס איז ארומגעגאַנגען איבער לוטער'ן, א גראַם וואָס איז א וואָרט־שפּיל אויף די לירא'ס נאָמען.

Si Lyra non lyrasset

Lutherius non Saltasset

ווען די לירא וואָלט אויף זיין לירע ניט געשפּילט
וואָלט לוטער טאַנצן ניט געקענט . . .

עס איז א באַקאַנטע זאַך אַז דער אָנהויב פון דער קריסטלאַכער רעליגיאָנס־רעפאָרמאַציע שטעקט אין דעם לערנען פון העברייאיש. אַלע גרויסע רעפאָרמאַטאָרן האָבן געקענט העברייאיש. דאָס קענען העברייאיש האָט זיי אָנגעוויזן מיטן פינגער ממש ווי אַזוי און וואו די פסוקים זיינען פאַרקרימט און פאַלסיפיצירט געוואָרן. ווען מאַר־טין לוטער (1483—1546) איז געזעסן איינזאַם אין וואַרטבורגער

תפיסה האָט ער איבערזעצט דעם תנ"ך און דעם נייעם טעסטאַמענט אין דעם גערעדטן דייטש. דעם נייעם טעסטאַמענט האָט ער אַרויס־געגעבן אין יאָר 1522 און אין די קומענדיגע צוועלף יאָר האָט ער געווידמעט צו דער איבערזעצונג פון תנ"ך. פאַר דער אַרבעט האָט ער געמוזט קענען העברייאיש, כדי צו קענען פאַרגלייכן זיין איבער־זעצונג מיטן אָריגינאַל. ער האָט טאַקע ניט געקענט אַזוי פיל העב־רייאיש וויפיל א שטייגער עס האָט געקענט דזשאָן רייכלין (1522—1455) דער גרויסער אידנפריינט און תלמיד חכם, וועלכער האָט אָנ־געפירט אונזער קאַמף מיט דער גייסטיגער פאַרזעעניש, דער משומד און פאַרעטער יוסף (דזשאָן) פפעפערקאָרן. אָבער ער האָט געקענט גענוג העברייאיש צו קענען תופס זיין די פאַרגרייזטע איבערזעצונגען און צו אונטערשיידן צווישן א ריכטיגע און ניט ריכטיגע איבערזע־צונג, און צו קענען זיך באַנוצן מיט רש"י'ס פירוש כאָטש לויט די ליראַ'ס לאַטיינישע איבערזעצונג. זיכער האָט לוטער געהאַט ביי דער האַנט די תנ"ך אויסגאַבע „מקראות גדולות", וועלכע דער קריסט דניאל באָמבערג האָט אַרויסגעגעבן אין די יאָרן 1516-1517. (80

מען מוז געדענקען, אַז די „הייליגע שריפטן" אין זייער דייטשי־שער איבערזעצונג פון מאַרטין לוטער'ן און אַזוי אויך די ענגלישע איבערזעצונג פון תנ"ך האָבן געגעבן אָט די צוויי שפּראַכן זייער לי־טעראַרישן פונדאַמענט. און איבערהויפּט אין דער ענגלישער ליטע־ראַטור איז צו מערקן ביזן היינטיגן טאָג געזונטע קערנדיגע שפּורן פון אָט דער העברייאישער השפּעה. עס איז כמעט אומעגלאַך צו לייענען אן ענגלישע קלאַסישע שאַפונג אָן א געגוויען ווייסן פון תנ"ך. מען קען מיט רעכט זאָגן אַז ענגלישע ליטעראַטור ווי אויך די דייי־טשישע הויבט זיך אָן מיט דער איבערזעצונג פון תנ"ך: אין דייטש מיט לוטער'ס און אין ענגליש מיט דער אַזוי גערופענער „קעניג דזשיימס ווערזיע", אין וועלכע די אַרבעט האָט געדויערט פון 1604 ביז 1611 און איז געווען פאַרטיילט צווישן זיבן און פערציג געלערנ־טע, וואָס האָבן ניט געשפּאָרט קיין מי ארויסצוגעבן א דבר מתוקן, א קלאַסישע ווערק לדורות.

§ ד. מאכט רש״י . . . §

צום שלום פון דעם קאפיטל זאָלן דאָ געבראכט ווערן עטלאכע פסוקים צו אילוסטרירן אויף ווי ווייט רש״י׳ס פירוש האָט באמת משפיע געווען אויף די קריסטלאכע עקזעגעטן.

„יהי רקיע בתוך המים״ (בראשית א׳—ו׳) לויט יהואש: זאָל ווערן אן אויסשפּרייט אין מיטן פון די וואסערן״. אין רש״י געפינען מיר אזוי „יהי רקיע״ יחזק הרקיע״, שאף על פי שנבראו שמים ביום ראשון עדיין לחים היו וקרשו בשני. זאָל דער אויסשפּרייט פעסט ווערן, ווייל כאָטש די הימלען זיינען שוין טאַקע באשאפן געוואָרן, זיינען זיי נאָך געווען פייכט, און זיינען פארגליווערט געוואָרן דעם צווייטן טאָג. פּארטייטש לוטער:

Es werde eine Feste zwischen den Wassern

ד.ה. עס זאָל געשאפן ווערן א פעסטע זאך, א פירמאמענט און ניט א Himmelsgewoelbe , וואָס איז דער אמת׳ערבאדייט פון רקיע:

„נפתולי אלהים נפתלתי עם אחותי״ (בראשית ל׳ ח׳) יהואש: „שטארקע ראנגלענישן האָב איך זיך געראנגלט מיט מיין שוועסטער״. זעצט איבער די וואולגאטע (און אזוי די ענגלישע איבערזעצונג פון דער קלעמענטינישער אויסגאבע) Comparavit me deus

ד. ה. גאָט האָט זיך פארגליכן מיט מיר . . . רש״י מאכט: „נלחמתי עם אחותי בשביל ברכתו של ה׳״, איך האָב געשטריטן מיט מיין שוועסטער פאר גאָט׳ס ברכה. אזוי אין קעניג דזשיימ׳ס ווערזיע:

with great wrestlings have I wrestled with my sister

און אזוי אויך ביי לוטער׳ן: Gott hat es gewandet mit mir

אזוי אויך „שכל את ידיו כי מנשה הבכור״ (בראשית מ״ח — י״ד) יהואש — ער האָט בכיוון איבערגעדרייט זיינע הענט. רש״י

פּאַרטייטשט: כּתרגומו, ווי אין תרגום אונקלס אחכימינון לידוהי, ער האָט זיינע הענט געפירט מיט קלונגשאַפט. און אין דעם זין זעצט איבער לוטער: und that wissend און אזוי קעניג דזשיימס: guiding . . . wittingly כאָטש די סעפּטואַ־גינטא און וואולגאַטע זעצן איבער „אומגעביטן די הענט".

פּריער איז דערמאָנט געוואָרן „צפנת פענח" — (בראשית מ"א־מ"ה). לוטער זעצט עס איבער לויט רש"י'ן den heimlichen Rat „מפרש הצפונות" אין רש"י'ס פּירוש.

פון גאָר גרויס אינטערעס איז אָט דער פּירוש, וואָס ווייזט ווי אזוי רש"י איז געווען באַקאַנט מיט די מנהגים פון זיין לאַנד און זיין צייט. אויפן פּסוק: „ומלאת את ידם וקדשת אותם וכהנו ליי" (שמות כ"ח—מ"א) זעצן איבער די וואולגאַטע און די דוּאַיים איבערזעצונג אין ענגליש and thou shalt consecrate the hands of them all אין דער קעניג דזשיימ'ס ווערזיע שטייט איינפאַך conscecrate them, און אין דער סעפּטואַגינטא אזוי גוט ווי אין לוטער die Haende fuellen. רש"י איז אביסל מאריך אין דעם פּירוש און זאָגט אזוי: כל מלוי ידים לשון חנוך כשהוא נכנס לדבר להיות מוחזק בו מאותו יום והלאה ובלשון לע"ז כשממנין אדם על פקידת דבר נותן השליט בידו בית יד של עור שקורין גוואנט"ו ועל ידו הוא מחזיקו בדבר וקורין לאותה מסירה ריוויסטי"ר והוא מלוי ידים". אין דעם לאַנגן פּירוש דערציילט רש"י וועגן דעם מנהג פון געבן אימיצן, וואָס ווערט איינגעשוואוירן אין א נייעם אמט א הענטשקע גוואנט"ו — גאַנט אויף פראַנצויזיש, און אזוי ווערט מען אינוועסטירט (אויף לע"ז — פראַנצויזיש — ריוויסטיר—) אין אמט.

דאָס איז א ביסעלע באריכות, אָבער רש"י האָט דאָ געוואָלט ווייזן וואָס מען פאַרשטייט ביי „מילוי ידים" און ברענגט א באַווייז פון זיין צייט.

אומעגלאַך צו גיין אויסרעכענען אַלע רש"י'ס פּירושים ווי מען קען זיי געפינען אין די פאַרשיידענע איבערזעצונגען. נאָר נאָך א

קליינעם באַווייז: די ווערטער למנצח און סלה זיינען געווען שווער איבערצוזעצן אָדער איבערצוגעבן. נו, דאָס וואָרט סלה האָט מען טראַנסליטערירט סלה, דאָס וואָרט למנצח, אָבער, איז איבערגעזעצט געוואָרן. אין דער קאַטוילישער איבערזעצונג (קלעמענטינישער וואול-גאַטע און דואיי ab finem; unto the end
וואָס-זשע זאָל דאָס באַדייטן? לוטער, און אזוי די ענגלישע איבער-זעצונג האָבן vorzusingen; chief of musicians
דאָס איז געגרינדעט אויף רש"י'ס פירוש: „למנצח בנגינות" (תהלים ד'—א') מאַכט רש"י: מזמור זה יסד דוד שיאמרהו בני לוי המנצחין בשיר על הדוכן. פשוט: דעם מזמור האָט דוד געמאַכט און אראַנ-זשירט אז די בני לוי זאָלן אים פאָרזינגען שטייענדיג אויפן דוכן, אויף דער פּלאַטפאָרמע.

* * *

עס איז נאָך היינט צו מערקן רש"י'ס השפעה. אפילו נאָך אלע תנ"ך קריטיקן און מאָדערנע ביבל-פאָרשונגען וואָס צעברעקלען יעדן פסוק אין קליינע ברעקלעך און צעשניידן זיי מיט דעם מעסער פון ראַציאָנאַליזאַציע און פאָרשונג, ווענדן מיר זיך גאַנץ אָפט צום פירוש רש"י, צו אָט-אָ-דעם קוואל פון פאָלקישקייט, הארציגקייט און טיפ-קייט פון איינפאַכקייט.

פאַר די גויים איז טאַקע רש"י געווען ניט מער ווי א פרשן, א קאָמענטאַטאָר, פאַר אונז אָבער א לערער פונם גאַנצן פאָלק, א קוואַל פון תורה און ליכט און טרייסט, א קוואַל פון וואַנען מיר האָבן גע-שעפּט און וועלן שעפּן דורך די דורות.

ה. רש"י'ס לעצטע יאָרן

רש"י'ס משפחה; די קרייצוגן; זיין פּאָעזיע

רש"י'ס לעבן איז געווען א האַרמאָנישע איינגקייט צווישן גאונות און פּשטות, ריינקייט און פרומקייט, האַרציגקייט און פּאָל־קישקייט. זיין ליכטיגע פּערזענלאַכקייט איז איינע פון די רייכסטע אין אונזער געשיכטע. 82) אויסער זיינע פּירושים אויף תנ"ך און אויף תלמוד (מיט דער אויסנאַמע פון עטלאכע מסכתות וועל־כע ער האָט ניט געענדיגט די דריטע רעוויזיע און זיי זיינען פאַר־ענדיגט געוואָרן פון זיינע תלמידים אָדער אייניקלאַך), האָט ער געלאָזן פיל שאלות ותשובות און פּסקים וועלכע האָבן ביז היינטיגן טאָג אן אינטערעס פאר אונז. זיינע רעליגיעזע אנטשיידונגען גיבן א פולשטענדיגע כאַראַקטעריסטיק פון רש"י און זיינע צייט־גענאָסן. רש"י'ס נאָמען איז פאַרבונדן מיט אונז ביים דאַוונען, ווייל די תפילין וואָס מיר טראָגן הייסן רש"י'ס תפילין, אונטערצושיידן זיי פון רבנו תם'ס תפילין. רבנו תם איז געווען זיין אייניקל, וועלכער האָט גע'פּסקנ'ט אנדערש צו אראנזשירן די פּרשיות אין די תפילין. 83)

קיין רייכקייט האָט רש"י משמעות ניט געהאַט: ער האָט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, באַארבעט זיין ווייַנגאָרטן און אָנגעפירט מיט דער ישיבה אין טראַיעס. זין האָט רש"י ניט געהאַט, נאָר דריי טעכטער: מרים, יוכבד און רחל (בעלאַסעז) 84). יוכבד האָט געהאַט פיר זין גדולים אין תורה: ר' שמואל בן מאיר (רשב"ם), ר' יעקב בן מאיר (רבנו תם) און ר' יצחק בן מאיר, ריב"ם, און ר' שלמה. אויך האָט זי געהאַט א טאָכטער מרים, וואָס האָט חתונה

געהאט מיט ר׳ שמואל בן שמחה, פון וויטרי. רש״י׳ס תלמיד. מרים׳ס מאן איז געווען רש״י׳ס באַרימטער תלמיד ר׳ יהודה בן נתן (ריב״ן). רש״י׳ס אייניקלאך און אור־אייניקלאך זיינען געווען די באַרימטע בעלי התוספות, און רשב״ם האָט אויך געמאַכט א פירוש אויף תורה און פאַרענדיגט פאַר רש״י׳ן מס׳ בבא בתרא, וואָס רש״י האָט ניט באַוויזן צו ענדיגן.

ווען רש״י איז אלט געווען זעקס און פופציג יאָר, ווען ער וואָלט גערדאַרפט זיצן רואיג און אָפּגעבן יעדע מינוט פאַרן לער־נען, איז אויסגעבראָכן דער גרויסער אומגליק, דער ערשטער קרייצצוג, צו גיין קיין ארץ ישראל אויסלייזן דעם קבר פון יעזוסן פון די אומגלויביגע מחמד׳נער. דערווייל, אָבער, זיינען אידישע קהילות אין ריינלאַנד — אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך חרוב געוואָרן. כאָטש דער אומגליק האָט ניט דערגרייכט אין טראָיעס, אָבער די שרעקלאַכע ידיעות פון די חורבנות פון די שטעט וואָרמס (וויחמיישא), מאַינץ (מאַגענצא) און קעלן (קולוניא), האָט רש״י׳ן זייער צעשיטערט. ער האָט געשאַפן דעמאָלט זיין פיוט „תנות צרות לא נוכל״ 85) —די צרות שפּיגלען זיך אָפּ אין זיין פירוש. אין איין פּלאַץ 86) שרייבט ער: „וישראל מרי נפש בגלות ונהרגים על קדושת השם״, „אידן זיינען פאַרביטערט אין גלות און ווערן דער־הרג׳עט אויף קידוש השם״. און אזוי אויף נאָך אַן אָרט. 87) „אחזת שמורות עיני״ („דו האלסט צו די ברעמען פון מיינע אויגן״) שמורות לשון אשמורות הלילה. שאדם ניעור משנתו ודעתו מיושבת. ולבו חוזר עליו. ואני איני כן, בלילה זה של גלות תמיד עני נדב־קות, כאדם נרדם מאוטם לב, בצרות שאני רואה נפעמה רוחי ואין הדיבר בי. רש״י זאָגט שמורות (ברעמען) מיינט אשמורות, אזוי ווי אשמורות הלילה. נאַכטוואַך. ווען אימיצער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף פילט ער זיך פריש, זיין הארץ קערט זיך אום צוריק. מיט מיר איז עס ניט אזוי, אין אָט דער נאַכט פון גלות, זיינען מיר די אויגן שטענדיג צוגעקלעפּט, אזוי ווי א מענטש וואָס שלאָפט אלע־מאָל ווייל זיין הארץ איז אים אָנגעלאָדן, פון די צרות וואָס איך זע איז מיר מיין גייסט צעשטערט און דאָס לשון נעמט מיר אָפּ״.

אָבער רש"י דריקט אויך אויס זיין אָפּטימיזם, זיינע טרייסט ווערטער: „ישראל מלומדין במכות ומוכנין ומזומנים לשכר תמיד" 88) אידן זיינען געוואוינט צו קלעפּ און זיינען שטענדיג גרייט פאר שכר.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט האָט רש"י פארפאסט, ווי אלע רבנים אין זיין צייט, פיוטים און סליחות. עס זיינען פארצייכנט אכט פיוטים פון אים און פיר האָט דער אויטאָריטעט אויף אידי-שע פיוטים אין מיטלאלטער, דר. שמעון בערנשטיין, פארעפנטלאכט אין דעם ספּעציעלן רש"י נומער פון „הדואר". 89) און דאָ ווערט געבראכט איין פיוט פון זיי, א זמר פאר מוצאי שבת. די אידי-שע איבערזעצונג איז פון י. י. שווארץ. 90) דער זמר האָט אין אקראָסטיק שלמה בר יצחק חז"ק. די איבערזעצונג איז נאָר ביז דעם פערז „זרח ופרץ", (23-טע שורה) און פון דעם שורה אָן איז די איבערזעצונג פן אברהם רעגעלסאָן.

זְמִירוֹת לְמוֹצָאֵי שַׁבָּת

סימן : שלמה בר יצחק חזק

שׁוֹמֵר יָגִיהַּ חָשְׁכִּי בַּלַּיְלָה   כִּי הִנֵּה אֵימָה חֲשֵׁכָה גְדוֹלָה
הֱיֵה נָא עוֹזֵר לָנוּ

לָאוֹר נְקַוֶּה וּמְיַחֲלִים   עַד שֶׁיָּפוּחַ הַיּוֹם וְנָסוּ הַצְּלָלִים
הֱיֵה נָא . . .

מִמִּזְרַח שֶׁמֶשׁ עַד מְבוֹאוֹ   כַּשֶּׁמֶשׁ נֶגְדּוֹ עוֹד כִּסְאוֹ
הֱיֵה נָא . . .

הִתְעוֹרֵר אַדִּיר וְנָאוֹר   כִּי לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹר
הֱיֵה נָא . . .

בָּעֶרֶב בְּכִי וְלַבֹּקֶר רִנָּה   אָנָּא יְיָ הוֹשִׁיעָה נָּא
הֱיֵה נָא . . .

רְאֵה אֵיךְ חֹשֶׁךְ יְשׁוּפֵנִי   וְעֵת עֶרֶב אוֹר בַּעֲדֵנִי
הֱיֵה נָא . . .

יוֹצִיאֵנִי מֵחֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת   וְהָאֵר עֵינַי פֶּן אִישַׁן הַמָּוֶת
הֱיֵה נָא . . .

צִפִּיתִי לִישׁוּעָה וּלְהָאִיר חֲשֵׁכָה   בְּאוֹר יְיָ לְכוּ וְנֵלְכָה
הֱיֵה נָא . . .

חוּשָׁה בְּעֶזְרָתִי לְאוֹר הַנֶּעְלָם   וְהָיָה יְיָ לְאוֹר עוֹלָם
הֱיֵה נָא . . .

קוּמִי אוֹרִי כִּי בָא אוֹרֵךְ   וְיִזְרַח לְיִשְׂרָאֵל הֲדָרֵךְ
הֱיֵה נָא . . .

חַלְּצֵנוּ וּפְדֵנוּ מִמִּשְׁפַּחַת עֵקֶר   זֶה קִוִּינוּ מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר
הֱיֵה נָא . . .

זְרַח וּפְרַץ וְהָאִיר מִמִּזְרָח   וּכְבוֹד יְיָ עָלֵינוּ זָרַח
הֱיֵה נָא . . .

קִדַּמְתִּי בַנֶּשֶׁף וָאֲשַׁוֵּעַ   לְכָל תְּפִלָּה אַתָּה שׁוֹמֵעַ
הֱיֵה נָא עוֹזֵר לָנוּ

רש"י — דער פֿאָלקס־לערער

זמירות למוצאי שבת

דער שומר זאָל מיין פֿינסטערע נאַכט באַשטראַלן,
ווייל אַ אימה'דיגע פֿינסטערנש איז אַרונטערגעפֿאַלן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

מיר וואַרטן אויף ליכט, זאָל דאָס ליכט אונז געפֿינען,
ביז ס'קומט אויף דער טאָג און די שאָטנס אַנטרינען —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

דערוואַך און צעשטראַל זיך, מיין ליכטיגער שטערן,
זאָל ליכטיג, זאָל ליכטיג און פֿריידיג נאָך ווערן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

אין אָוונט געוויין, אין פֿרימאָרגן — געזאַנגען,
שיק הילף אונז אין גלות אין פֿינסטערן, לאַנגן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

זע, עס האָט אונז די פֿינסטערע נאַכט פֿאַרנומען,
אין שעה פֿון דעם אָוונט זאָל ליכט אויף אונז קומען —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

ער האָט אונז פֿון טויט־שרעק אַרויסגעצויגן,
באַשירעם, באַשיץ און לויכט אויף מיינע אויגן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

אויף גאָט'ס ליכט טו איך גאַרן און וואַרטן און האָפֿן,
קומט גיין אין זיין ליכט, ס'ליגט דער וועג פֿאַר אונז אָפֿן —
זיי אַ הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

זאָלסט איילן צוהילף מיט דיין ליכט וואָס פאַרבאָרגן,
זאָל גאָט זיין דאָס אייביגע ליכט אין פרימאָרגן —
זיי א הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

שטיי אויף, לויכט, ווייל דיין ליכט איז געקומען אין פרייד
און זאָלן פאַרשווינדן די גזרות און ליידן —
זיי א הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

באַשירעם, באַשיץ אונז פון בלוטיגע שונאים,
גאָט'ס כבוד האָט אויפגעשטראַלט, לויכט אונז אין פנים —
זיי א הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

אויפגעשיינט האָט ער, אַרויסגעשפּאַרט און געלויכטן פון מזרח-זייט,
און גאָט'ס פּראַכט אויף אונז שפּרייט ליכטיגקייט —
זיי א הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

האָב איך זיך געפּעדערט אין אָוונט און מיין ווי אַרויסגערעדט
ווייל דו פאַרנעמסט יעטווידער געבעט —
זיי א הילף אונז, דערבאַרעמדיגער גאָט!

רש"י'ס פּיוטים, ווי געזאָגט, זיינען אַזוי איינפאַך און גרייפנדיג ווי זיין קאָמענטאַר איז איינפאַך און צום פּונקט. און כאָטש ער האָט קיין נייע ווענדן אין פּאָעזיע ניט געשאַפן, שטראַלט אַרויס פון יעדער שורה רש"י דער מענטש, דער איד, דער ליידנדיגער.

די לעצטע יאָרן זיינע האָט רש"י פאַרבראַכט אין צער און צאָרן. ער האָט זיך אָבער געאיילט פאַרענדיגן זיין לעבנס-ווערק און דער טויט האָט אים אָוועקגענומען אין מיטן דער אַרבעט, אין זיין פינף און זעכציגסטן יאָר. עס איז אויסגעפאַלן יום ה' כ"ט תמוז, די תתס"ה; (13־טן יולי 1105)

אויף זיין ווערק איז געזאָגט געוואָרן באמת:

תם ולא נשלם

רש"י'ס ליכט איז געווען און איז נאָך אַלץ יענעם ליכט וואָס איז באַהאַלטן אונטערן כסא הכבוד. מיר געניסן פון אים און וועלן געניסן לאַנג, לאַנג נאָכדעם ווי איצטיגע פינסטערניש וועט אויך פאַרשווינדן . . .

⁂

באלד נאך רש"י'ס טויט, אזוי ווי ביי זיין לעבן, איז זיין אר־בעט פארגעזעצט געווארן פון זיינע תלמידים. פון אומעטום האבן אידישע געלערנטע אנגעהויבן צו זוכן רש"י'ס קאמענטארן. ער האט זיך געשאפן א נאמען אין דער אייביגקייט פון אונזער פאלק. דער גרויסער פרשן, פילאזאף, פאעט אברהם אבן עזרא האט פארפאסט א ליד לכבוד רש"י. דאס ליד, דענקט דער שרייבער, איז א פאסיגער אפשלוס פון אט־א דער מאנאגראפיע. דאס ליד ווערט דא געגעבן דעם פערז „זרח ופרץ", (23־טע שורה) און פון דער שורה אן איז די איבערזעצונג פון אברהם רעגעלסאן.

שִׁיר לִכְבוֹד רַשִׁ"י

מאת אברהם אבן־עזרא

כּוֹכָב דָּרַךְ
מִצָּרְפַתָה,
הַמִּתְנַעֲרָךְ
עַל יָטְבָתָה[91].
שָׁלוֹם בּוֹאוֹ
הוּא וּצְבָאוֹ
מִסִּינַי אוֹ
מִצִּין[92] אָתָא.
מֵאִיתִיאֵל[93]
וִיקוּתִיאֵל[94]
בָּא כִּשְׁמוּאֵל
מֵרָמָתָה.
אוֹר כָּל סוּמֵא,
בּוֹ כָל צָמֵא
נֹפֶת מֵימַי
מִתְּקוֹ שָׁתָה.
פֵּרוּשׁ נוֹרָא
שָׂם לַתּוֹרָה.
עַל כֵּן נִקְרָא
פַּרְשַׁן־דָּתָא[95].
סִפְרוֹ גוֹאֵל
אֶל כָּל שׁוֹאֵל,
וּבְיִשְׂרָאֵל
הוּא תִרְצָתָה[96].
יָקִיר פּוֹתֵר
בְּקִיר חוֹתֵר,
עֵינוֹ סָתַר
יָהּ רָאָתָה.
הַנִּסְכָּה
אֵלָיו עֲרוּכָה,
גַּם מַמְלָכָה
לוֹ יָאֲתָה.
מַלְאָךְ קוֹנֶה
אֶצְלוֹ חוֹנֶה.
חֵנֶק מַתְנַי
הַמִּתְנַיְתָה.

א לויב געזאנג לכבוד רש"י

געשריבן פון רבי אברהם בן עזרא
איבערזעצט אין אידיש פון אברהם רעגעלסאָן

א שטערן איז אויפגעטראָטן
פון פראנקרייך —
זיין שטאב אין רייען געשטעלט
אין א גוט-שטאָט.
פרידן צו זיין קומען!
ס'איז גלייך ווי ער און זיינע חיילות
וואָלטן פון סיני
אָדער ציון געקומען.
ער, פון איתיאל
און יקותיאל,
אָט ווי שמואל —
דער פון רמה.
ליכט פון יעדן בלינדן!
און אים ווער עס דורשט
נעקטאר־זיס וואסער געפינט
צום טרינקען.
א וואונדער־פירוש
צו דער תורה האָט ער געמאכט —
הייסט ער דערפאר
דערקלערער פון דת.
זיין בוך איז א רעטונג
צו יעדן פרעגער.
פארן פאָלק ישראל
איז ער דער תירוץ־געבער.
טייער זיין טייטש,

א וואַנט ברעכט ער דורך,
זיין אויג די געהיימנים
פון גאָט טוט זען.
די גאָט־געזאָלבטע תורה
פאר אים איז ווי א כלה גרייט.
די קעניגרייך צו באקומען
איז ער ווירדיג.
שאפענדע קראפט
ביי אים רוט —
געשטארקט האָט ער
דער משנה׳ס לענדן.

אַנמערקונגען:

1) אין אַט דעם פּרוזדור פּאַרטיפֿן מיר זיך דערווייל ניט אין דער קאָנטראָווערסיע צי רש״י האָט יע פאַרפאַסט דעם פּיוט צי ניט. דער פּיוט געפינט זיך אין מוסף פון יום־כפור און ווערט געזאָגט נאָך דער עבודה, און דאָס פאָלק גלויבט אז רש״י איז דער מחבר. ווען איך אין דעם קאַפּיטל די אילוזיע ניט צעשטערן. עס איז יע געשריבן אין דעם שטיל, צאַרטן טאָן פון רש״י. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דעם פּיוט. זע: הערה 85) אונטן.

2) ניומאַן, יעקב, „בעל הקונטרס״, „הדואר״, גליון רש״י, ייג, ת״ש.

3) כי ניסן — ערב די אנדערע טעג פסח, ד. תשצ״ח.

אַ פּאַרזוך צו פאַרזעצן די גאוניאַט איז געמאַכט געוואָרן דורכן קאַמבינירן די צוויי עמטער פון ריש־גלותא און גאון אין איין פּערזאָן, אין חזקיה, אַן אור־אייניקל פון דעם ריש־גלותא דוד בן זכאי (באַשטימט צום אַמט אין יאָר 931). אָבער חזקיה האָט נאָר געהאַט די זכיה צו זיין דער לעצטער גאון און ריש גלותא. צוליב א בלבול פון שונאים איז ער ארונטערגעזעצט געוואָרן און פאַרמשפּט צום טויט, און היינגעריכטעט געוואָרן נאָך שרעקלאכע עינויים אין יאָר ת״ת (1040). זע: „דברי ימי ישראל״ פון רגעץ, לויט שפּריסי העב־רייאישער איבערזעצונג, באַנד 4, ז. 16־15 און אין דער ענגלישער איבערזעצונג, באַנד 3, ז. 254.

4) זע צ.ב.ש.
Emerton, Ephraim, Mediaeval Europe, p. 259

5) דברי ימי ישראל. דאָרטן, ז. 85

6) פרקי אבות ד׳—ז׳

7) זע: רש"י, פון סאָלאָמאָן צייטלין אין
Jewish Year Book, Vol. 41

8) זע: געשיכטע פון אידן, גרעץ, ענג. איב. באנד 3, ז' 243.
דער רבנו לעאנטין איז געווען א תלמיד פון רבנו נתן הבבלי, — איינער פון די פיר געפאַנגענע משולחים פון דער ישיבה פון סורא, אין בבל, וועלכע זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון זייערע ברידער, און האָבן געגרינדעט ישיבות אין אפריקע, שפאניע און פראַנקרייך. די פיר געפאנגענע: ר' שמריה בן אלחנן, ר' חושיאל, ר' נתן בן יצחק הכהן (ר' נתן בבלי) און ר' משה בן חנוך (זע: גרעץ, דאָרטן, ז. 208). רבי נתן האָט געגרינדעט א ישיבה אין נאָרבאָן (נרבונה) אין פראָוואַנס (פראנקרייך) און דאָרטן האָט עס רבנו גרשם געקראָגן זיין דערציאונג אין תלמוד.

9) „דברי ימי ישראל", גרעץ, שפ"ריס העב. איב. באנד 4, ז. 69-68.

10) דאָרטן.

11) זע: ניומאַן, יעקב „בעל הקונטרס" אין גליון רש"י פון „הדואר" (גליון י"ג, ת"ש)

12) גרעץ,דאָרטן (העב. איב.) זייט 70

13) געבראכט אין גרעץ שפר"ס איבערזעצונג. דאָרטן: „חסידים ואנשי מעשה באשכנז רגילים לעשות ב' ימים יום כפור שמתענים שני ימים".

14) צייטלין, ס. אין „ייר בוק", דאָרטן, ז. 114

15) קהלת ז' 1. (יהואשים איבערזעצונג פון תנ"ך. מודעה: אַלע ציטאַטן פון תנ"ך וואָס ווערן אין דער מאָנאָגראפיע געבראכט אויף אידיש זיינען פון יהואשים איבערזעצונג).

16) זע: רש"יס פירוש אויפן ערשטן פסוק אין דער תורה:

ב ר א ש י ת, אמר ר' יצחק לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם א.א.וו.

17) „וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה" פרקי אבות ב' ב'.

18) בראשית ו' — ט: למדך: עיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים.

19) פרקי אבות ה' — כ"ד.

20) אין וואָרמס האָט זיך געפונען דער בית־מדרש פון רש"יין און דער שטול אויף וועלכן ער איז געזעסן. אויך א גאס איז גערופן געוואָרן אויף רש"יס נאָמען. איצט האָבן די נאַציס אלץ פאַריחרובט.

21) פרקי אבות ד' — י"ח

22) פון דעם וואָרט „קאָמענטאַראַס" — פירוש.

23) רש"י האָט געוויס מקיים געווען „לימוד תורה מעוני" — לערנען אין אָרימקייט און דחקות. ווי ער שרייבט אליין אויף זיך: „בדברים אשר הגיתי לפני מלמדי, כי חסד לחם ועדי לבוש וריחיים על צוארי שמשתי לפניהם" . . . (גרעץ, ציט. וו. ז. 84)

24) זע: ש. ברמן: מגבורי האומה, חלק ג' חוברת מ"ד זז. 13-14.

25) זע: א. מ. ליפשיץ: ר' שלמה יצחקי. זז. 21־22. (אגב: דאָס איז איינע פון די בעסטע, אויספירלאכסטע מאָנאָגראַפיעס פון רש"י.) אויך: ביק, אברהם רש"י, „צוקונפט", אָקט. 1939.

26.) זע: א. מ. ליפשיץ דאָרטן. זז. 38־39; 62. „מעגלאך אז זיי האָבן געלערנט דעם תלמוד אויף העברייאיש אויסער וואָס זיי פלעגן פאַרטייטשן עטלאכע פרעמדע ווערטער . . . אין זייערע ישיבות פלעגן קומען תלמידים פון דער גאַרער וועלט, אויך פון די סלאַווישע לענדער . . . עס איז גאנץ מעגלאך אז העברייאיש

איז געווען די פּאַרמיטלונגס שפּראַך . . . און אויף זייט 52: מיר מוזן זאָגן אַז העברייאיש איז געווען די פּאַרמיטלונגס־שפּראַך צווישן די ארץ־ישראל אידן און די פראַנצויזישע".

27) בן עזרא, ע: רש"י מחריב הלשון העברית, „הדואר", רשיי נומער, ת"ש.

28) זע: ש. ברמן, ציט. וו. זז. 33־32.

29) נעמען מיר צ.ב.ש. קאַפּיטל כ"א פון תהלים (ה׳ בעזך ישמח מלך) „גאָט, מיט דיין שטאַרקייט פרייט זיך דער מלך, און מיט דיין הילף ווי זייער לוסטיג איז ער! . . . מאַכט רש"י: רבותנו פתרוהו על מלך המשיח ונכון הדבר לפתרו על דוד עצמו לתשובת אחרים שדרשוו!" — אונזערע רבנים האָבן געזאָגט אַז דער פּסוק גייט אויף דעם מלך המשיח, אָבער עס איז גלייכער צו זאָגן אַז עס גייט אויף דוד'ן אליין כדי אָפּצושלאָגן די אנדערע וועלכע דרשנ'ען . . . ווי סובטיל רש"י אונזערער דריקט זיך דאָ אויס!

30) הנה ישכיל עבדי וכ"ו ישעיהו נ"ב י"ג — נ"ג (גאַנצן קאַפּיטל) זע, באַגליקן וועט מיין קנעכט, א.אז.וו. זאָגט רש"י אויפן אָרט: (איבערהויפּט אויפן באַרימטן פּסוק גי פון קאַפּ: נ"ג: „כן דרך הנביא הזה מזכיר כל ישראל כאיש אחד" — אָט אזוי איז זיך דער נביא ישעיהו נוהג אָנרופן אלע אידן ווי איין מענטש . . . אוועקגעמאַכט מיטן האַנט די קריסטלאַכע אינטערפּרעטאַציע! זע פּאַר די הערות 29 28, א. מ. ליפשיץ, איבנדערמאָנטע ווערק. זז. 175־174.

31) י. ריבקינד: תערוכת רש"י — סעפּעראַט אָפּדרוק פון רש"י נומער „הדואר", — ז. ד. דער פאַמפלעט איז א באַשריי־בונג פון דער רש"י אויסשטעלונג אין דעם אידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.

32) יעקב ניומאַן. בעל הקונטרס. רש"יס נומער „הדואר"

י"ג, ת"ש.

33) א. מ. ליפשיץ, דאָרטן. ז. 45.

34) א. מ. ליפשיץ, דאָרטן. ז. 76

35) א מין „דאַלטאָנים מעטאָדע" וועלכע די חדרים און ישיבות האָבן שוין געהאט נאָך איידער פּראָפ. דאלטאָן האָט איינ־געפירט די מעטאָדע.

36) הרב ישראל פּורת: פּירוש רש"י לתלמוד „הדואר" רש"י נומער, וואו עס ווערן געבראכט נאָך ביישפּילן.

37) ויקרא כ"ה — י"ד אין רש"יס פּירוש.

38) זע: רש"יס פּירוש אויף פּסוק י"ד אין שמואל א', פּרק כ

39) שבת ס"ג עמוד א'

40) איכה א' — א'

41) א. מ. ליפשיץ ציט. וו. ז. 168

42) דברים ל — י"ב

43) משלי ט"ז — י"ט אין רש"יס פּירוש

44) ויקרא י—כ' לויט רש"יס פּירוש.

45) זע: רש"י פון מאָרים ליבער. ענגלישע איבערזעצונג פון אדעל סזאָלד. ז. 187־188; 222־224.

46) ליפשיץ, א. מ. רש"י זז: 118־119

47) געבראכט אין א. מ. ליפשיץ רש"י זייט 20 און אין גרעץ ציט. ווערק.

48) ליבער, מ. ציט. וו. זז: 222־223

49) אויטאָריטעט אויף רש"י. ציטירט אין ליבער, מ. צ. וו. ז. 224.

50) ווי א וואָרט דערשיינט עס אלס דער נאָמען פון המניס בכור (אסתר ט׳—ז׳), אָבער אויף אראמיש באדייט עס „דער פאר־טייטשער פון געזעץ", איז דעריבער ארומגעגאנגען א ווערטל וואָס ווייזט וואָס די נאָענטע דורות פון רש"יין האָבן פון אים געדענקט: „כל פירושי צרפתה / השלך לאשפתא / חוץ מפרשנדתא / ובן פורתא / " —שליידער אוועק איז מיסט־קאסטן אלע פירושים פון די פראנצויזן, אחוץ דעם פרשנדתאיס (רש"י) און בן פורתאיס (פר־ותא — אויך פון המניס קינדער. צונאָמען פאר ר׳ יוסף טוב־עלם, פון בן־פורת יוסף). געברויכט אין גרעץ. צ׳ט. וו. און אין דר. מ. גידעמאנ׳ס „געשיכטע פון דערציאונג און קולטור ביי די מערב־אייראָפייאישע אידן אין מיטלאלטער" אין א. ש. פריעדבערג׳ס העב־רייאישע איבערזעצונג. ערשטער טייל, זז: 9־8.

51) זע: גידעמאן, מ. דאָרט („בבקיאות חכמתכם ובינתכם בפרשנדתא") ז. 9 און די ווייטערע בלעטער פאר אַן אויספירלאכן אָפּהאנדלונג איבער רש"י; אויך „דור דור ודורשיו" פון א. מ. ווייס, פערטער טייל זז. 334־321

52) בראשית לב׳—ב׳ אין רשב"ם: „מיין מאמעס טאטע, ר׳ שלמה, דער וואָס האָט ליכטיג געמאכט די אויגן פון גלות מיט זיין פירוש אויף תורה, נביאים, כתובים, האָט זיך אונטערגענומען אי־בערגעבן דעם איינפאכן מיין פון פסוק. איך, שמואל דער זון פון זיין איידעם מאיר, זיין גדעכעניש זאל געבענטשט זיין, האָב זיך מיט אים מתווכח געווען און ער האָט צוגעגעבן, אז ווען ער וואָלט צייט געהאט וואָלט ער געמאכט אנדערע פירושים לויט די נייע פשטים וואָס מען דערוויסט זיך יעדן טאָג".

53—54) משלי ט׳—ז׳ און פירוש רש"י אויפן אָרט.

55—56) דאָרטן י"ז—י"ב אין פירוש רש"י.

57) ישעיהו, ט׳—ו׳

58) פירוש רד"ק אויף אָט דעם פסוק. ר' דוד קמחי בויט זיין דרש אויפן סמך פון פסוק אין נחמיה ג'—י"ג, וואו עס געפינט זיך אומרעגולארער כתיב „חומת ירושלים אשר המ פרוצים, אָן אָפענער מ"ם צום סוף וואָרט. לויט זיין דרש קומט אויס אז דער פסוק אין ישעיהו איז א נבואה אויפן מלך המשיח, ווען עס וועלן „פאַרמאַכט ווערן די אויפגעבראָכענע ווענט פון ירושלים, וועלכע זיינען אָפן כל זמן מיר זיינען אין גלות, און צו דער שעת ישועה וועט די הערשאפט, וואָס איז פאר אונז פארמאכט ביזן קומען פון מלך המשיח, ווידער אויפגעעפנט ווערן " („כאשר יסתמו חומות ירושלים שהם פרוצים כל זמן הגלות ולעת הישועה יסתמו הפרוצים ואז תפתח המשרה שהיא סתומה עד מלך המשיח").

59) ליפשיץ, א. מ. ציט. וו. ז. 163־164; גידעמאן, מ. ציט. וו. זז. ד־13.

60) ברכות דף י"ב ע"ב

61) במדבר טו—לט

62) תהלים י"ד—א

63) „צו די אידן" ט—ט'.

64) חגיגה י"ג, עמוד א.

56) סופרים פרק א' הלכה ז.

66) זע: „דברי ימי ישראל" פון גרעץ. שפ"ריס העב. איב. 2טן באנד ז' 6—445.

67) אויף לאַטייניש:
De situ et nominibus Locorum Hebraicorum

68) אויף לאַטוויניש:
Hoc est quos dicitur

69 זע: קראוס, י. אידישע ענצ.(אויף ענג. באַנד 7 ז. 118־115

70) זע: הענקאָק, אַדאָלף. ענצ. בריטאניקא באנד 20 ז' 277־270.

71) אינטערעסאַנט איז אַז דווקא דעם באַרימטן פּסוק „נשקו בר פּן יאנף" („אַכפּערט מיט לויטערקייט, כדי ער זאָל ניט צערע־נען") — תהלים ב'—י"ב — ווערט פאַרטייטשט פון היראָנימוס
"adorate pure"
ד. ה. דינט גאָט פון פרומקייט און ריינקייט. (ציטירט לויטן פּירוש פון א. כהנא, וועלכער ברענגט היראָנימוסין. אינם קלעמענטינישן טעקסט ווערן די ווערטער פאַרטייטשט אַביסל אַנדערש:
"apprehendite discipinam"
(נעמט אָרום דיסציפּלין, פאָלגט גאָט הייסט עס). אונזערע שפּעטערע מפרשים ווי א שטייגער אבן עזרא און רמב"ן פּלעגן מאַכן צו גאָר־ניט די גוייִשע טייטשן. „כי ארד אל בני אבל שאולה" (בראשית ל"ז—ל"ה) (פאַרוואָר, אָן אבל וועל איך נידערן צו מיין זון אין קבר) מאַכט אבן עזרא: „ופה תעה המתרגם לתועים שתרגם שאולה — גיהינום". (דאָ האָט דער איבערזעצער פאַר די פאַרפירטע א טעות געהאַט פאַרטייטשנדיק שאולה גיהינום. שאולה מיינט אין גרוב אַריין). און אַזוי דער רמב"ן: „ויקרא פרעה שם יוסף צפנת פענח" (און פרעה האָט גערופן דעם נאָמען פון יוספין צפנת פענח) — בראשית מ"א—מ"ה טייטשט די וואולגאַטע לויט היראָנימוס:
et vocavit eum lingua aegiptica Salvatorem Mundi
ער האָט אים גערופן אויף דער מצריישער שפּראַך דער „העלפער פון דער וועלט". מערקט דער באַרימטער עקזעגעט אָן: „וכן עשו הנוצ־רים המעתיקים", אַזוי האָבן די קריסטלאַכע איבערזעצער געטאָן, וואָס זיי האָבן פאַרטייטשט נעמען ניט ווי נעמען נאָר ווי ווערטער.

72) "Venerable Bede"

73) ער פלעגט זיך רופן מיטן לאַטייניש נאָמען אַלבי־נוס פלאַקוס.

74) זע: „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ" (עלפטער אויסגאַבע באַנד 1 זז. 530—529.

75) בעסער באַוואוסט ווי הראַבאַנוס מאַאורוס מאַגנענטיוס (אַרום 853—776), איינער פון די באַרימטעסטע געלערנטע פון דער

קאַראָלאָווינגישער תקופה וואָס נעמט ארום די יאָרן פון 752 ביז 911 אין דייטשלאַנד און ביז 987 אין פראַנקרייך. ער האָט באַזוכט ארץ ישראל ווי ער מערקט אָן אין זיין פירוש אויף ספר יהושע. ער האָט פאַרפאַסט פיל פירושים אויף אנדערע ספרים פון תנ״ך. ענצ. בריט. (וו־טע) באַנד 13 זז: 842. אויך: גידעמאַן, מ. ציט. וו. זז: 82, 87.

76) זע דעם קאַפּיטל וועגן גויים (קריסטן) וועלכע האָבן געקענט העברייאיש ביי:
Newman, L. J., Jewish Influences Christian Reform

77) זע: דברי ימי ישראל פון גרעץ, שפּרינס איבערזעצונג. אָנמערקונג י״ג—ג׳. ר׳ חיים אבן מוסה האָט פאַרפאַסט א בוך מיטן נאָמען „מגן ורומח״ אין יאָר רט״ו (1455), וואו ער ענטפערט די ליראַ׳ן וואָס וויל אויפווייזן דעם אמת פון זיין אמונה פון די הייליגע ספרים, וזה לשונו: „אתחיל עתה בזה החיבור להשיב כנגד ניקולאַי די לירה ראש המדברים כנגדו בספר הויכוח שלו״. — איך וועל אָנהויבן דעם חיבור אָפּענטפערן ניקאָלאַס די ליראַ, דער הויפּט רעדנער קעגן אונז אין זיין וויכוח בוך.

78) כדאי צו ציטירן דעם אָריגינאַל זיינעם:
Intendo non solum dicta doctorum catholicorum sed etiam Hebraicorum, Maxime Rabi Salomonis, qui inter doctores hebreos locutus est rationibus, sed declerationem sensus literalis inducere.

ציטירט
Newman, L. J., Jewish Influences on Christian Reform
זז: 72—76 און גרעץ, דאָרטן.

79) "Secutus Sum Rabi Salomonem"
זע גרעץ, ציט. 11.

80) דער זעלביגער דניאל באַמבערג, אָדער ווי עס שטייט געשריבן אויפן שער דניאל בומבורגו האָט אויך ארויסגעגעבן די ערש־

טע אויסגאַבע פון תלמוד 23—1520.

81) אין די וואולגאַטע, (ווי אויך אין דואַיי"ס איבערזעצונג) איז דאָס וואָרט סלה אין גאַנצן אויסגעלאָזן; אין קעניג דזשיימ'ס ווערזיע ווי אויך אין לוטערים קומט די טראַנסליטעראַציע. יהואש גיט אויך אָן „סלה". טראַדיציאָנעלער טייטש איז אייביג. זע: אבן־עזרא'ס פירוש צו תהלים פרק ג׳ פסוק ג׳.

82) זע: ליבער, מאָריס: רש"י (ענג. איב. זז: 223־222.

83) לויט רש"י דאַרפן די פרשיות גיין אין אָט דעם סדר: „קדש", „והיה כי יביאך", „שמע", „והיה אם שמע", אזוי ווי זיי דערשיינען אין דער תורה, לויט רבנו תם: „קדש", „והיה כי יביאך", „והיה אם שמוע", „שמע". אפילו דאָ איז צו זען רש"י'ס ראַציאָנאַליזם אין פעסטשטעלן א רעליגיעזן מנהג אָדער דין.

84) אזוי איז פאַראַן כמעט ביי אלע אויטאָריטעטן. א. מ. ליפשיץ אין זיין רש"י (ז. 21) דערמאָנט נאָר די צוויי: מרים און יוכבד. די ערשטע וואָס איז פאַרהייראַט געווען צו ר׳ יצחק בן נתן (רבי'ן רש"י'ס תלמיד), און די לעצטע וואָס איז געווען פאַרהייראַט צו ר׳ מאיר בן ר׳ שמואל פון ראַמערא, אָדער רומרוג, א שטעטל לעבן טראַיעס. פון זיי האָט רש"י געהאַט נחת. א. מ. ליפשיץ דערמאָנט ניט רחליען. איינע פון זיינע טעכטער זאָל האָבן געווען רש"י'ס סעקרעטאַר, אָבער פיל אויטאָריטעטן זיינען מבטל די השערה, געבויט אויף א פראַזע אין רש"י'ס א תשובה: „כי נשכחתי (ד.ה. חליתי) ואזלת ידי ממשוך בעל ספר ולכן בתי קוראת לפני שורות הללו והיא כותבת". איך בין קראַנק געוואָרן און קען ניט שרייבן און דעריבער לייענט מיין טאָכטער פאָר פאַר מיר די שורות און זי שרייבט". אָן איבעריגע וויכוחים רעכן איך, אז מ׳עו דאַרף ניט לייענען אָנשטאָט „ולכן" בתי, „ולבן" בתי. רש"י'ס א טאָכטער האָט געוויס געקענט זיין איר פאָטערס סעק־רעטאַר! זאָל מיר דער כבוד פון צונץ און בערלינער מוחל זיין

וואָס עס ווילט זיך ניט צעשטערן אזא אילוזיע ווי זיי האָבן דאָס געטאָן. (זע ליבער, מ. ענג. איב. ז. 245. אָנמערקונג 22).

85) זע: דר. שמעון בערנשטיינס אָפּהאַנדלונג „רש"י, בתור פיטן", אין גליון רש"י פון „הדואר", תיש, (אויך סעפּעראַט אָפּ־דרוק ז. 3) דער חשוביער אויטאָריטעט אויף פּיוטים האלט אז רש"י האָט ניט פאַרפאַסט דעם פּיוט, נאָר דאָס פאָלק האָט מיחס געווען דעם פּיוט צו רש"יין. דאָס פאָלק האָט געפונען, אינס־טינקטיוו, אז תנו"ת איז תתנ"ו. וויל איך זיך נישט אריינלאָזן אין חקירה וועגן דעם, ווי שוין דערמאָנט אין „פּרוזדור" — די הארציגקייט און צארטקייט פון פּיוט דייטן יע אָן אז רש"י האָט עס געשריבן און אז גערעכט איז טאַקע גרעץ וועלכער שרייבט צו דאָס ליד צו רש"י.

86) משלי י"ד—י"ב. זע: א. מ. ליפשיץ, רש"י, ז. 194

87) תהלים ע"ז—ה'

88) תהלים ל"ח—י"ח

89) זע אויבן הערה 85).

90) דערשינען אין „מאָרגן זשורנאל" 21־טן אפּריל 1940.

91) יטבתה — א פּלאַץ דערמאָנט אין „אלה מסעי בני יש־ראל", ווי א סטאַנציע אויפן וועג נאָך כנען, (במדבר ל"ג—ל"ג). אין דברים י—ז ווערט דערציילט אז דאָרטן האָבן זיך געפונען „בעכן וואַסער" (ארץ נחלי מים). רש"יס וואוינאָרט, טראָיעס, האָט מען באצייכנט ווי יטבתה. פונדעם אין דער איבערזעצונג „גוט־שטאָט".

92) מצין פון דער ווילדערניש צין. א רמז אויף דער תורה וואָס מיר האָבן מקבל געווען אויף אונזער וועג אין דעם מדבר. פילע נוסחאות, אָבער, האָבן אָנשטאָט מצין, מציון און דאָס לעצטע אויך אין אונזער איבערזעצונג.

93) איתיאל — א חכם אין די צייטן פון אגור בן יקה, ווי עס שטייט אין משלי (ל״—א״) „דברי אגור בן יקה, המשא, נאום הגבר לאיתיאל, לאיתיאל ואוכל" (די ווערטער פון אגור דעם זון פון יקהן; א מוסר. דער מאן האט געזאגט צו איתיאלן, צו איתיאלין און אוכלן". און אנדייט אויף שלמה המלך און זיינע חכמים.

94) יקותיאל — איינער פון משה רבנויס צונעמען.

95) פרשנדתא — א צונאמען געגעבן רש״ין. זע אויבן אנמערקונג 50).

96) תרצתה — אין אנדערע נוסחאות תרשתא) ד.ה. א גרויסער מאן, ווי „נחמיה התרשתא". אבער דא איז דאס נאר א ווארטשפיל אויף תרצתה, דער תירוץ געבער.

פעלער-אויסבעסערונגען:

זייט 59, שורה 7 דארף זיך לייענען אזוי: דאס ליד ווערט דא געגעבן אין אריגינאל און דער העברייאיש-אידישער פאעט אברהם רעגעלסאן האט געמאכט די איבערזעצונג.

זייט 59, שורה 2, אין העברייאישן ליד דארף זיין מחנה ערך.

זייט 65, אנמ. 27, דארף זיין: רש״י מרחיב הלשון העברית.

זייט 70, אנמ. 76, דארף זיך לייענען:

Newman, L. J., Jewish Influences on Christian Reform.

זייט 75, לייען: באמבערג, חניאל.

רשימה פון נעמען, ערטער און ענינים

אבעלארד און העלואיז, 44, 45.
ר׳ אברהם אבן עזרא, 59, 60.
אונקלס, 42.
ר׳ אליעזר הגדול (רש״י׳ס רבי) 21.
אלכואין פון יאָרק, 44.
אריגען, 42.
ארץ ישראל, 13, 17, 26.

בבל, 13.
„באַגאַמילס״, 45.
באלאנא, 45.
באַמבערג, דנאיל, 48; אַנמ. 80.
בייקאָן, ראדזשער, 45.
ביק, אברהם, אַנמ. 25.
בן עזרא, ע. אַנמ. 27.
בערלינער, א. דר., 34.
בערנשטיין, ש. דר., 55.
בר־חנינא (היראנימוס רבי) 41.
בר כוכבא, 13.
ברמן, ש. אַנמ. 24, 28.

גאונים תקופה, 13.
גאָלדפאדען׳ס דראמע, „קאץ און ברונים״ פון רש״י׳ס „חולדה ובור״, 30.
גאָטפריד פון בוילאָן, 10, 11.
גאליע, 13.
גזרת תתנ״ו, 10.
גידעמאַן, מ. אַנמ. 50, 51, 59.
גרענגאָר (7־טער) פויפסט, (היל־דעבראנד), 15.
גרעץ, ה. אנמ. 3, 5, 8, 9, 12, 13, 23, 79.
ר׳ גרשם „מאור הגולה״, 14.
חרם דרבנו גרשם, 14; תקנות, 14, 16; זיינע תלמידים 17, 19, 21; אַנמ. 8.

דואיי (איבערזעצונג פון תנ״ך) 49, 50, 51, אַנמ. 18.
ר׳ דוד קמחי (רד״ק), 37, אַנמ. 58.
דאלטאָנ׳ס מעטאָדע, אַנמ. 35.
דייטשלאנד, 26, 54.

ר׳ האי גאון, 13, 14.
היראָנימוס, 41.
הלכות דר׳ יהודאי גאון, 17.
הענקאק, אדאָלף, אַנמ. 70.
העברייאישע שפראך ווי אן אומגאנגס שפראך אין רשי״ס צייטן, 24.

וויס, א. מ., אָנמ. 51.
וואָרמס (וורמישא, ווירמייזא), 10, 17, 27, 54.
וואולגאטע (לאטיינישע איבערז. פון תנ"ך), 49, 50, 51. אָנמ. 81.
וויליאם די מארא, 45.
וויענע, 45.

חזקיהו המלך ('למרבה המשרה') 37.
„חכמי לותיר", 16, 17.

„טיקסעראנדעם" סעקטע, 45.
טעאָקראַטיע, 13.
טראיעש (טרוא), 18. קולטורע-לער און אינדוסטריעלער מצב 18; 19, 21, 54.

יהואש (איבערז. פון תנ"ך), אָנמ. 15.
ר' יהודה בן מאיר הכהן (לע-אָנטין), 16.
ר' יהודה בן נתן (ריב"ן), רשי'ס איידעם, 28, 54.
יוכבד, (רש"י'ס טאָכטער) 53.
ר' יוסף בן שמואל (טוב-עלם) בונפילס, 16.
„ילקוט-שמעוני", 17.
ר' יעקב בן יקר (רש"י'ס רבי) 17, 20, 26.
ר' יעקב בן מאיר (רבנו תם), 53
ר' יצחק (רש"י'ס פאָטער), 8, 9, 10, 19, 20.
ר' יצחק בן אליעזר (סגן לויה), 17, 21.
ר' יצחק ב"ר יהודה (ראש ישי-בה פון מאינץ), 21.
ירושלים, 11.
ר' יצחק בן מאיר (ריב"ם), 53.
ישעיהו („קנעכט פסוקים") 25, 37.

כהנא, א. אָנמ. 71.

לאטערינגען, 16.
ליבער, מאָרים, 45, 48; אנמ. 82, 84.
ליפשיץ, א. מ., 25, 26, 33, 34, 41, 47, 59.
ליראַ, 46.
לוטער, מארטין, 47, 48, 49, 50.
לונעל, 19.

מאינץ (מאגענצא), 14, 21, 26, 54.
ר' מכיר בן יהודה, 16.
מלך המשיח, 36, 37; אָנמ. 29.
ר' מנחם בן חלבו, 17.
„מקראות גדולות", 48.
מרים (רש"י'ס טאָכטער), 53.
משה רבנו, 24.
ר' משה הדרשן, 17.

ר' משה בן מימון (רמב"ם), 33.
ר' משה בן נחמן (רמב"ן) אָנמ. 71.
ר' נטרונאי (דער צווייטער) 14.

ניומאַן, י. ל. אָנמ. 2, 11, 32, אָנמ. 76
ניקאָלאַס די לירא, 46, 47.
ניקאָלאַס מאַניאַקריא, 45.
נקדימון (היראָנימוס רבי), 41.
ר' נתן ב"ר יצחק הכהן, גרינדער פון דער ישיבה אין נאַרבאָן, איינער פון די „פיר געפאַנגענע רבנים", אָנמ. 8.

סאַלאָמאַניקא, 45.
סורא (ישיבה), 31.
סעפּטואַגינטא (גריכישע איבערז. פון תנ"ך), 41, 50.
„ספר הערוך", 30.
„ספר תנאים ואמוראים", 17.

ר' עקיבא, 42.
עמערטאָן, אפרים, אָנמ. 4.

פומבדיתא (ישיבה), 41.
פורת, ישראל, אָנמ. 36.
פּעטער פון פּיזאַ, 44.
פרקי אבות, אָנמ. 6, 17, 19, 21.
פרשנדתא (א צונאָמען פאַר רש"י), 33, אָנמ. 50.
פּפעפּערקאָן, דזשאָן (יוסף), 48.

פראַנקרייך, 13, 14, 16, 19, 32, 46, 54.

צייטלין, סאָלאָמאָן, אָנמ. 7, 14.

קאַטאַריסטישע סעקטע, 45.
קאַטוילישע רעליגיע, 15; רש"י'ס פּירוש גראָבט אונטער אירע יסודות, 39.
קאַרל דער גרויסער, 44.
קלאַודיוס פון טורין, 44.
קעלן, 54.
„קעניג דזשיימס' ווערזיע", 48, 49.
קרייציגלער, 44.

ראַבאַנוס מאַאורוס, 44.
רבנות, 15.
רחל (רש"י'ס טאָכטער) בעלאַ־סעז), 53.
ריבקינד, יצחק, אָנמ. 31.
רייכלין, דזשאָן, 48.
רעגעלסאָן, אברהם, 59, 60.
רעדזשיא (ערשטער אידישער בוך געדרוקט), 25.
רעפאָרמאַציע, 43, 44, 45.

„שאלות גאונים קדמונים", 17.
שאַמפּאַניע, 16.

שווארץ, י. י., 55.
ר' שלמה יצחקי (רש"י), לע-
גענדעס פון זיין געבורט, 10;
רש"י און גאָטפריד פון בוי-
לאָן, 10, 11; פּאָזעיע, 12;
רביים, 17; זיין אָנקל, 17, גע-
בוירענאָרט, 18; געבורטס-
יאָר, 19; זיין יוגנט, 20,
דערציאונג, 20, די קונטרים,
21; לעגענדעס וועגן זיין
וואנדערונג, 22, גרינדעט ישי-
בה אין טראיעש, 23, זיין
פרנסה, 23, די בלעז"ן, 24,
זיין פירוש אויף תנ"ך, 25,
פירושים אויף רש"י, 25. די
שיטה פון די קונטרסים, 26,
רש"י'ס לעצטע ווערטער, 28,
זיין שיטה, 26, חומש מיט
רש"י, 31, פרשנדתא, 33, די
רש"י סקריפּטור, 34; זיין
פירוש און די קריסטן, 36—
39, 47; זיין פאמיליע און
איידעמס, 53, ישיבה אין
טראיעש, 53, זיין טויט, 58;
אברהם אבן עזרא'ס ליד ווע-
גען רש"י, 59; לימוד תורה
מעוני, אָנמ. 24, זיינע טעכ-
טער, אָנמ. 84.
ר' שמואל בן מאיר (רשב"ם),
35, 53; אנמ. 52.
ר' שמואל בן שמחה מויטרי,
54.
ר' שמעון ב"ר חלבו קרא, 17.
ר' שמעון ב"ר יצחק הגדול,
רש"י'ס אָנקל, 7.
ר' שמעיה, (רש"י'ס תלמיד און
חבר), 26.
שפּאניע, 13, 15.
שפּייער, (אשפּירא), 21

תוספות, 33, 54.
תפילין, רש"י'ס און רבנו תם'ס,
53.